בלומינג גראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פַאראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינג גראָוו' והגלילות
סוכות תשפ"ז
United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove

## וועלי הייטס דעוועלאפער שענקט נדבה פון גאר סאפיסטיקירטן טאנקיר אפאראטוס



לייענט ברייטע דעקונג צווישן די זייטן איבער די פארשריט פון די ניי געגרינדעטע פייער דעפארטמענט

פּראָדוקטיווע קאָנפערענץ פּאַראייניגט דעוועלאָפּער, קאָנטראַקטער, און ווילעדזש פּאָרשטייער מיט גינסטיגע רעזולטאַטן

דעפארטמענט אוו פובליק ווארקס ענדיגט סוקסעספול סעזאן פון פראדוקטיווע ארבעט צו פאררעכטן, פארבעסערן, און פארשענערן די ראודס און אינפראסטרוקטור

ערשטע גאס פאר'ן סיידוואלק פראיעקט אפיציעל באשטימט

**חג שמח פאר אלע תושבים און גאנץ כלל ישראל**

## מעריוואלד וואסער פילטרעישאן פלענט גייט אריבער ברייטע אפגרעידס



## ווי האלט מען מיט די טעקסעס?

### וויאזוי גייט צו די שתדלנות אראפצוברענגען די פרייזן? וואס האט מען שוין מצליח געווען, און וואס דארף נאך אראפגיין?

ערווארט אין אייער פאסט קעסטל תיכף נאך יו"ט אן אויספירליכע באריכט און א לעצטיגע אפדעיט מהנעשה והנשמע

עדיטאריעל:

## ברוך אתה בבואך!

BROUGHT TO YOU BY THE
UNITED JEWISH COMMUNITY
OF BLOOMING GROVE
איחוד קהילות בלומינג גראוו

קינדערלאנד
KINDERLAND

# חול המועד אונטערהאלטונג
## פאר קינדער פון אלע יארגענג

# דינסטאג חול המועד
פון 12:00 מיטאג ביז 6:00 אווענט
# קינדערלאנד פּאַרק



די טאון אוו מאנרא
שאטל באס וועט
קורסירן דורכאויס די
שעות פונעם טאג צו
קינדערלאנד פארק



עס וועט זיין
צוגעשטעלט א
גרויסע סוכה פארן
באקוועמליכקייט
פונעם ציבור

## פילע געשמאקע ריידס



פארשטעלונג פון
די טראקס דורך די
ווילעדזש פייער
דעפארטמענט

באקומט א ספעציעלע
פייער עקסטינגווישער
איינס פער משפחה

שיינע מתנות
פאר אלע קינדער!



נאש פעקלעך
קאטטאן קענדי
סלאש

**פריי פון אפצאל**
קומטס אינאיינעם פארברענגען דעם
חול המועד מיט אייערע קינדערלעך און
האט א שמחת יום טוב

**ביטע פארקירן** אין די סטאונגעיט
ביזנעס צענטער פארקינג לאט
און אויף ביידע זייטן פון סטאונגעיט דרייוו
**ביטע זיך האלטן צו די גדרי הצניעות**

מייסטערהאפטיג קאארדענירט
און באגלייט דורכ'ן טאלאנטפולן
מוה"ר **מאיר מרדכי גראס** הי"ו

EVENT SPONSORS:
FastAct RESTORATION
MEFOAR
MSP
AIRTIGHT INSULATION
Landaus supermarket
printcenter


יהא רעוא קמיה 'דתשרי' על עמיה
לֵךְ אֱכֹל בְּשִׂמְחָה לַחְמֶךָ וּשְׁתֵה בְלֶב טוֹב יֵינֶךָ
כִּי כְבָר רָצָה הָאֱלֹהִים אֶת מַעֲשֶׂיךָ
חג שמח ושמחת תמיד
קופת עירנו
עזרה להוצאת יו"ט לעניי עירך
בלומינג גראוו
• בפיקוח רבני העיר שליט"א •

עדיטאָריעל:

# ברוך אתה בבואך!

## שלום עליכם אייך, טייערע נייע תושבים, כל אחד בשמו הטוב יבורך!

ברוכים הבאים בשם השם! ס'איז אונז באמת אַ פרייד און אַ זכות צו אַנטפּאַנגען ביותרת הכבוד אַזויפיל נײַ – געקומענע איינוואוינער, כולם אהובים וברורים, מיט זייערע געבענטשטע פאַמיליעס שיחי', וועלכע האָבן זיך אין דער לעצטער תקופה באַזעצט דאָ צווישן אונזערע באַ'חנ'טע געסלעך, אין דער עיר ואם בישראל — בלומינג גראוו המעטירה.

לאָמיר אַלזאָ, טייערע שכינים, זיך צוערשט באַקענען מיט אונזער/אייער באַליבטע שטאט, וואָס איז אַזוי גוט באַקאַנט מיט איר אייגנאַרטיגע פּאָזיטיווע כאַראַקטער און אַטמאָספערע. איר האָט אייגנטליך געמאַכט דעם סאַמע-בעסטן באַשלוס מיט'ן זיך באַזעצן דאָ בתוככי עם סגולה. אדרבה, קוקט זיך זעלבסט אַרום. שאו סביב עיניכם וראו, אויף די שיינקייט און לויטערקייט פון דעם היימישן חסיד'ישן בלומינג גראָוו בתפארתה.

## בלומינג גראוו - אַ שטאָט פון הרחבת הדעת

אפילו פון אַ גשמיות'דיגן פערספעקטיוו זענען די הייזער אין בלומינג גראָוו אַזוי נאָבל צוגעשטעלט, רחבות'דיג און גלייכצייטיג צוגענגליך, מיט אַן אמת'ן אידישן טעם און געשמאַק. 'מה טובו אוהלך יעקב – שאין פתחיהם מכוונים זה כנגד זה'! שוין אָפּגערעדט פון די ברייטע פּראַפּערטיס, קריסטאַלע פרישע לופט, גענוג פּלאַץ און הרחבת הדעת פאַר די קינדערלעך, און די היימישע סביבה פאר יונג און אַלט.

מיט אייער אָנקום איז ב"ה צוגעקומען נאָך אַ אידישע משפחה צו ערגענצן די שיינקייט פון דאָס פּלאַץ, נאָך אַ ציגל אין דעם גרויסן בנין; נאָך אַ שיינע רינגעלע אין דעם גאָלדענעם קייט וואָס פאָרמירט אַזוי פּרעכטיג אונזער הערליכער שטאט – ונבנתה עיר על תילה!

## אַ שטאָט פון רוחניות - אכסניה של תורה ועבודה!

בלומינג גראָוו איז אָבער פיל מער ווי ברייטע גראונד'ס און רחבות'דיגע דירות פאר צוגענגליכע פּרייזן... בלומינג גראָוו פאַרקערפּערט ב"ה אַן אומגלויבליכע רוחניות'דיגע אינפראַסטראָקטור מיט אַלע צוגעהערן, וואָס פאַרשעמט נישט די לאַנגיעריגע היימישע ישובים איבער גרעיטער ניו יאָרק. וואו מ'גייט און וואו מ'שטייט איז מען אַרומגענומען פון אַלע זייטן מיט די הערליכע בתי מדרשים, קהלות קדושות, מקוואות טהרה, ישיבות גדולות און ישיבות קטנות, תלמודי תורה, בתי חינוך לבנות, א.א.וו. כה יתן ה' וכה יוסיף!

## אַ שטאָט פון פרנסה און שפע

גלייכצייטיג איז בלומינג גראָוו אויסגעשטיגן אַלץ דער געגנט בה"א הידיעה, וואו ס'איז ב"ה פאַרהאַן אָן קיין שיעור מעגליכקייט פאַר היימישע ביזנעסער און אידישע פרנסות, קאָמערציאַלע צענטערן וואס קומען ארויף מיט אַלע ערליי סאָרט פּאָזיציעס צו קענען שיין פאַרדינען אין דער פּראָפעסיאָנאַלער ביזנעס וועלט, מיט אייגענע פרנסות און לאָקאַלע געלונגענע בעלי יכולת.

איבערהויפּט איז סוקסעספול איינגעפעדעמט געוואָרן דער געבענטשטער איניציאַטיוו פון 'בלומינג גראוו פאר בלומינג גראוו', וואס האָט אַרויפגעברענגט דעם קאָנצעפּט פון 'לכו והתפרנסו זה מזה' אויף גאָר פרישע שטאַפּלען, אַז סיי ווען מ'וויל טון א געשעפט; מען וויל איינקויפן א פּראָדוקט; אָדער באשטעלן א סערוויס, זאל מען ארויסגעבן ארבעט און נוצן די סערוויסעס פון די נאָנטע שכינים און ידידים, וואָס איז אַ געוואַלדיגע שטופּ און הילף פאר דער גאַנצער לאָקאַלער עקאָנאָמיע, און האָט אַריינגעברענגט אַן אויסטערלישע וואוקס אין פּראָיעקטן און פרנסות, ועוד היד נטויה בעז"ה.

## אַ שטאָט פון אהבה ואחוה

פון איר ערשטן טאָג, האָט בלומינג גראָוו זיך באַרימט געמאַכט מיט איר איידעלן כאַראַקטער, זייענדיג אַ פּלאַץ וואו עס הערשט אַ ברידערליכע האַרמאָניע, מיט אהבה, ואחוה ושלום ורעות. ולא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה אלא השלום.

אונזער געגנט איז פאַקטיש אויסגעשטיגן אַלץ אַ הערליכער עיר מושב, וואו יעדער היימישער איד טרעפט זיך דאָס פּלאַץ מיט אַ געשמאַק. אַ שטאָט מלא חן ונועם, אָנגעפולט מיט תלמידי חכמים יושבי על מדין ואנשי מעשה, בעל הבית'שע אידן, געניטע ביזנעסלייט, ערליכע אַרבעטער הנהנים מיגיע כפם, בני עלי', און יושבי אהל, כולם אהובים כולם ברורים, מיט אַזאַ שיינקייט און קאָלירפולע געשטעל. אַלע שפירן זיך דאָ באַקוועם און אויפ'ן ריכטיגן אָרט, מיט אַ ישוב הדעת און מנוחת הנפש.

דאָ אין שטאָט איז יעדער איינער — נישט קיין חילוק צו וועלכע קהילה מען באַלאַנגט און צו וועלכער מוסד מען שיקט די קינדערלעך — פאַררעכנט אַלס ערשטע קלאַס בירגער! יעדער היימישער תושב ווערט אַנערקענט מיט דער זעלבער בכבוד'יגער באַנעמונג צווישן די שכינים,

און מיט די זעלבע אייניגע רעכטן מצד דעם ווילעדזש.

## אַ שטאָט פון הידור הלכה – עירוב רבינו יואל

אַ פּאַסיגער ביישפּיל צו דער פּראַכט פון בלומינג גראָוו איז געווים דער מהודר'דיגער 'עירוב דרבינו יואל' – וואָס האָט בשעתו געבראָכן אַ פּרעצעדענט, זייענדיג די סאַמע-ערשטע פולשטענדיגע רמב"ם עירוב, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך אַ נייע היימישע ישוב, מיט אַ שטאַנדהאַפטיגע צוים וואָס ציעט זיך לאַנגע מיילן, לויט אַלע הידורים און חומרות פון די גדולי הפוסקים, צו פאַרזיכערן דעם קדושת השב"ק אויפ'ן העכסטן סטאַנדאַרט, לשמו ולזכרו פון מרן רבינו הק' זי"ע.

דאָס שענסטע חלק פונעם עירוב איז דער פאַקט, אַז די ריזיגע געלטער פאר אַזאַ פּראָיעקט איז נישט צוזאַמגעשטעלט געוואָרן דורך אַ יחיד אָדער דורך אַ ספּעציפישע קערפּערשאַפט, נאר מיט אַ פאַראייניגטע אחדות, כולנו בני איש אחד נחנו! די טייערע איינוואוינער, סאַטמאַרער תלמידים וחסידים פון אַלע קהלות צוזאַמען, האָבן פּשוט פאָרמירט צוזאַמען אַ 'וועד העירוב' אונטער די געטרייע אויפזיכט און הדרכה פון די רבני העיר שליט"א. אַלע תושבים האָבן געשאנקן פון זייער שווער אָפּגעהאַרעוועטע אידישע געלטער, יעדער איינער האָט בייגעשטייערט אַלץ גלייכע שותפים און אַזוי איז אויפגעבויעט געוואָרן דער עירוב – כאיש אחד בלב אחד, ווען יעדער איינציגער תושב איז אַ גלייכער שותף אין דעם 'נכס ציבור'.

ביז'ן היינטיגן טאָג שטייט דער 'עירוב רבינו יואל' אַלץ אַ וועלטס-וואונדער, לשם ולתפארת ולתהלה, מיט די קביעות'דיגע בודקים ומשגיחים מדי שבת בשבתו, וואָך איין וואָך אויס, אין היצן און אין פרעסטן, אונטער די שטרענגע השגחה פון די חשוב'ע ועד רבני העיר שליט"א, זייענדיג אַ שטאָלץ און אַ פּראַכט פאר אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע, וואָס על שמו הק' ווערט עס אָנגערופן: 'עירוב רבינו יואל'.

## אַ שטאָט פון חסד – קופּת עירנו

אַ באַזונדערע דימאַנט אין דעם הערליכן קרוין פון בלומינג גראָוו איז דער אַלעמען באַקאַנטער 'קופּת עירנו', וואָס פונקציאָנירט אַזוי באַשיידן און גוטהאַרציג, דורך די געטרייע 'יו. דזשעי סי.' עסקנים, בהדרכת רבני העיר שליט"א. ס'איז אומגלויבליך וויאַזוי יעדן ערב יום טוב, סיי ניסן און סיי תשרי, ווערט געשאַפן די קאָלאָסאַלע סומע פון איבער אַ פערטל מיליאָן דאָלער! וואָס ווערט פאַרטיילט אין קראַנטע טשעקס, מיט'ן גרעסטן סבר פנים יפות און הצנע לכת, צו לעכטיג מאַכן אידישע שטיבער. קאָלעקטיוו רעדט מען פון איבער אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר פאר צרכי יום טוב יאָר יערליך!

אין צוגאָב פאַרפיגט די 'יו. דזשעי. סי.' מיט דעם הערליכן 'איש את רעהו יעזורו קיופּאנס פּראָגראַם', וואָס טרעט אַצינד אַריין אין דעם 14'טן יום טוב. ווען יעדע משפּחה — אחד המרבה ואחד הממעיט — באַקומט אין דער פּאָסט אַ ברייטע קאָלעקציע פון גאָר ווערטפולע קיופּאנס, וואָס מ'קען זיך רואיג שפּאָרן דערויף קרוב צו צוויי טויזנט דאָלאַר פער משפּחה — פאַר עסן, קליידונג, שיך, דריי גודס, תשמישי קדושה און נוצבאַרע פּראָדוקטן, און אַלעם וואָס פעלט זיך אויס אַריינצוברענגען דעם יום טוב אין אַ היימישע שטוב.

## אַ שטאָט פון תורה – תל תלפּיות!

ווען עס קומט צו דעם 'כתר תורה', איז דאָך אונזער געגנט דער 'תל תלפיות שהכל פונים אליה' — אויסשטייגנדיג אַלץ אַ צענטער פון מרכזי תורה ועבודה, וואו ישיבות מיט פילע הונדערטער בחורים האָבן זיך איינקוואַרטירט זעענדיג דאָ אַ מקום מוכשר פאר די טייערע תלמידי הישיבות, וועלכע שטייגן דא גאר שיין בתורה וביר"ש אין שאָטן פון דער בלומינג גראוו רואיגקייט און פרישער לופט וכו'.

אויסער די פילע היימישע ישיבות קטנות און ישיבות גדולות, געפינען זיך אויך אין דער אומגעגנט עטליכע חשוב'ע ליטווישע ישיבות וואָס האָבן זיך דאָ קובע געווען כולן שוין לטובה. די הנהלות פון אַלע ישיבות זענען 'פיהם מלא שבח ותהלה' אויף אונזער ישוב, זייענדיג אַ פּאַסיגע לאָקאַציע, געגנוג נאָנט צו דער גרויסער שטאָט, נישט ערגעץ אַוועק אין די מרחקים. ווען צו דער זעלבער צייט געניסן זיי פון אַ פריינטליכע, היימישע אידישע באַהערדע, וואָס טוט אַלעם מעגליך, צוצושטעלן די בעסטע מעגליכקייטן אַז אונזער שטאט זאָל זיין אַ ריכטיגע אכסניא של תורה.

וקול התורה נשמע בארצינו! בשעת די שורות ווערן געשריבן זיצן און לערנען 'אַריבער טויזנט' בחורי הישיבות אין די גרעניצן פון בלומינג גראָוו! דאָס איז אין צוגאָב צו די עטליכע תלמוד תורה און בתי חינוך לבנות וואו 'אַריבער טויזנט' לעכטיגע קינדערלעך ווערן ערצויגן מיט אן איידלקייט. דער קול התורה שטעלט זיך נישט אָפּ, יומם ולילה לא ישבות – פון פרי פאַרטאָגס מיט שפּעט ביינאַכט, וואָס דאָס איז בלי ספק די בעסטע שמירה עליונה פאר דער גאַנצער שטאט.

ועל כולם, פאַרמאָגט אונזער שטאט אַ רייע פון הערליכע בתי מדרשים מיט לופטיגע היכלי התורה, חדשים לבקרים, וואו עס זיצן תושבי העיר און זענען קובע עתים לתורה דורכאויס די שעות פונעם טאָג. ווי שיין איז צו זען די סצענעס אין די בתי מדרשים וויאַזוי יונגעלייט וועלכע זענען עוסק על המחיה ועל הכלכלה קומען לערנען מיט חברותות, און באַטייליגן זיך ביי די שיעורים קבועים פון די חשוב'ע מגידי שיעור ומורי הוראה שליט"א, וואָס קומט פאָר תמידים כסדרן, בוקר וערב אין אַלע קהלות און בתי מדרשים, מיט אַ געוואַלדיגע התרוממות קרן התורה בעירינו.

## א שטאט וואס וואקסט – פּובליק טראנספּארטאציע!

אלס א וויכטיגע רינגעלע אינעם ריקנביין פון די הרחבת גבולי הקדושה און פאר די באקוועמליכקייט פון די איינוואוינער צו העלפן בויען די שטאט און פארגרינגערן די שאפינג מעגליכקייטן פאר די נשים צדקניות, סיי פאר די דאזיגע וואס זייערע מענער ארבייטן דאהי דורכן טאג און איבערהויפט פאר די דאזיגע וואס זענען נישט דאהי דורכן טאג, איבערהויפט אויב די מאן דרייווט נישט וכדו', אז די ב"ב און די גרעסערע קינדער זאלן האבן א שטענדיגע מעגליכקייט אנצוקומען צו די געשעפטן צו יעדע צייט דורכאויס דעם טאג, פאר גאר א ביליגע פרייז, מיט פראקטישע ראוטס וואס געדויערט נישט צו לאנג אנצוקומען אין

שטעטל אדער סיי ווי דער שאטל פארט.

דער פערמאנענטער שאטל פראגראם איז ב"ה אריין אין קראפט דעם פארגאנגענעם חודש אלול, און איז גאנץ שנעל אריין אין שוואונג, די כל התחלות קשות איז מען תלי"ת גאנץ שנעל אריבער, אויך איז באגריסענד צו מעלדן אז די ווילעדזש באהערדע ארבייטן אצינדער אויף א פארגרעסערטע באסעם אפאראט, וואס זאל איינשליסן א פארברייטערטע סקעדשול מיט מערערע ראוט'ס, און פארלענגערטע שעות אינעם טאג. דער שאטל פראגראם וואקסט בע"ה אינאיינעם מיטן ציבור לויטן פארלאנג.

## ברוכים הבאים – מיר זענען דאָ פאַר אייך!

ובכן טייערע אידן, מקדימין אנו פניכם בברכה: אינאיינעם מיט אַלע איינוואוינער טוען מיר הערצליך באַגריסן אונזערע פרישע שכינים, זקנים עם נערים, הם ובני ביתם וטפיהם. חשוב'ע תושבים החדשים: **מיר זענען דאָ פאַר אייך, גרייט צו באַדינען, להנאתכם ולטובתכם!**

און געווים זענען מיר מתפלל צו השי"ת אַז איר זאָלט זיך דאָ באַקוועם איינגלידערן — געזונטערהייט און גרינגערהייט, אַז ס'זאָל טאַקע זיין אַ ריכטיגע "משנה מקום - משנה מזל" לטובה ולברכה. איר זאָלט דאָ נאָר מאַכן שמחות מיט הרחבת הדעת, אמן!

• • •

# בלומינג גראָוו - אַ 'מעַבדות לחירות' געשיכטע

אַצינד, ביי דער געלעגנהייט, אַז מיר שמועסן שוין יאָ... לאָמיר נעמען די עטליכע מינוט זיך פאָרצושטעלן פאַר אייך: ווער זענען מיר אינערהאַלב די יו. דזשעי. סי. ; וואָס איז אונזער אויפגאַבע; וויאַזוי איז אַלעס צושטאַנד געקומען בעז"ה; וואָס האָט מען שוין אויפגעטון בעבר; און וואָס זענען די פלענער פאַר'ן עתיד בעז"ה.

איר זענט בסייעתא דשמיא אָנגעקומען קיין בלומינג גראוו צו 'שלחן עורך': אַ הערליכע נייע דירה; אַ סימפּאַטישע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע; פּרעכטיגע בתי מדרשים מיט אַלע צוגעהערן; אַלע ציבור'ישע פאסיליטעטן ברוחניות ובגשמיות רחבות'דיג איינגערישט; פאַרטיגע גראָסעריס געשעפטן און אָפיסעס; און אַלעס וואָס אַ אידישע שטאט דארף האָבן.

ס'איז אָבער וויכטיג זיך צו דערמאַנען אַז דאָס איז ווייט נישט אַלעמאָל אַזוי געווען... די גרויסע אידישע הייזער, דער בית המדרש וואו איר דאַוונט דריי מאָל אַ טאָג, די גראָסערי'ס און סופערמארקעטס וואו מ'קען געשמאַק איינקויפן, דער עירוב וואָס ווערט באַנוצט יעדן שבת, די באָסעס וואָס טראָגן אייערע קינדערלעך אין חדר – טאָר נישט גענומען ווערן פאַר לייכט, ווי מ'רופט עס אין ענגליש 'דאונט טעיק איט פאר גרענטעד'... נישט אייביג איז דאָ געווען אַ מוציא מיט האָניג! די ערשטערע תושבי העיר האָבן היבש געשוויצט און געבלוטיגט — בדמים תרתי משמע — ביז מ'האָט ב"ה דערגרייכט דעם יעצטיגן מאָמענט, אל המנוחה ואל הנחלה.

## תשע"ו - והיה ראשיתך מצער; די שווערע חבלי לידה

היימישע אידן האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינצוציען דאָ אין געגנט מיט אומגעפער צען יאָר צוריק. ס'איז געווען אין יאָר תשע"ו ווען אין בלומינג גראָוו האָבן שוין געוואוינט אַ קנאַפּע מנין אידן. אָבער די דעמאָלטסדיגע באַהערדע אינערהאַלב די ווילעדזש אַדמיניסטראַציע, זענען געווען אויסגעשפּראָכן פיינטלעך, אַנטיסעמיטיש, און אַגרעסיוו קעגן די ניי-געקומענע אידישע איינוואוינער, און זיי האָבן זייער אָפּן אויסגענוצט יעדן געלעגנהייט צו דיסקרימינירן און לייגן פיסלעך קעגן היימישע אידן.

אייגנטליך איז דער עצם גרינדונג פונעם ווילידזש טאַקע געווען בלויז פאר דעם איינעם ציל: צו קענען בעסער באַקריוודן אידן! דער ווילעדזש איז געגרינדעט געוואָרן קנאַפּע צוואנציג יאָר צוריק, אין יאָר תשס"ו, נאָכדעם וואָס אַ גרופּע אידישע דעוועלאַפּערס האָבן אָפּגעקויפט דאָ אַ גרויסן שטח (באקאנט אלס דער דברי חיים-קלאוו דעוועלאפמענט). ביי די לאָקאַלע שונאי ישראל האָט דאָס אַרויסגערופן אַזאַ שרעקליכע פּאַניק פון "פן ירבה" — אַז זיי האָבן זיך דעמאָלט צוזאַמגענומען, און אין דער איילעניש געגרינדעט אַ זעלבסשטענדיגע ווילעדזש, כדי צו קענען טוישן די זאָונינג געזעצן, און פאַרזיכערן אַז דאָ אין געגנט זאָל נישט זיין קיין עתיד פאַר אַ איד צו וואוינען, היל"ת.

## תשע"ז-תשע"ט די יאָרן פון ביטערע רדיפות

ס'איז אוממעגליך, און ס'איז נישט שייך אין די ראַמען פון אַן עדיטאריעל, צו שילדערן אפילו אפס קצהו פון דעם 'את כל התלאה אשר מצאתנו' – וויפיל עגמת נפש, שיקאָנירונגען, און שרעקליכע רדיפות מ'האָט מיטגעמאַכט אין די 'בראשית יאָרן' פון אונזער שטאט, אויף יעדן טריט און שריט.

ס'לאָזט זיך היינט נישט גלייבן, אָבער מיט בלויז 7 יאָר צוריק איז עס געווען, ווען די גאַנצע אָפיציעלע ווילעדזש באַהערדע און אַלע אירע פיליאַלעס – מבכור פרעה עד בכור השבי, אָנגעהויבן פונעם מעיאָר און זיינע טראָסטיס ביז'ן קלענסטן אָפיס איינגעשטעלטער - האָבן געהאַט איין קלאָרע וויזיע פאַר די אויגן: "ענג צו מאַכן פאַר היימישע אידן וואו מ'קען נאר". ס'האָט דאָ געהערשט אַ פיינטליכע און העסליכע אַטמאָספערע, וואָס האָט זיך איבערגעגאָסן אין אַ טייך פון ענדלאָזע רשעות און אַגרעסיעס, פרישע גזירות, און זינלאָזע קאַפּריזן וואָס האָבן געצילט צו פאַרטרייבן און דערשטיקן דעם אידישן וואוקס היל"ת, מיט האַרבע ווייאלעיִשאנס אויף יעדע קלייניגקייט.

אויב האָט מען זיך געטרויעט אויפצושטעלן אַן אומשולדיגע סוכה, איז דער בילדינג דעפּאַרטמענט דאָרט געווען אין געציילטע שעות, אין באַגלייטונג פון פּאָליציי, זיכער צו מאַכן אַז ס'קומט אַראָפּ. אויב האָט מען שוין יאָ עספּיעט עפּעס צו טון — האָט מען באַקומען אַ ווייאלעיִשאן

פאַר יעדן עקסטערן 'עקסטענשאָן-ווייער' אַריינגעצויגן אין דער סוכה, סיי דורך דער פּאָליציי, און סיי דורך דעם פייער דעפּאַרטמענט.

אידישע פאַמיליעס וואָס האָבן געמאַכט מחיצות אַרום סווימינג-פּולס זענען גערופן געוואָרן אין געריכט מיט גאָר שווערע קנסות. ווען עס האָבן שוין דאָ געוואוינט עטליכע צענדליגער משפּחות און זיי האָבן געוואָלט האָבן אַן עירוב — איז דאָס צעריסן געוואָרן בעצם יום השבת, דורך די ווילידזש-באַהערדע, וועלכע האָבן נאָכדעם אויך נאכגעשיקט האַרבע ווייאָלעישאָנס.

ווען יונגעלייט האָבן פאַרמירט אַן איידעלן שאטל-באָס אַריין קיין קרית יואל, האָט די ווילידזש באַשטימט פרישע געזעצן ספּעציעל דירעקטירט קעגן אַ אידישן שאָטל-סערוויס. מען איז נאָכגעפאָרן דעם שאָטל - באָס מיט פּאָליצייאישע כוחות און מ'האָט גענומען אַ טייערן לאָקאַלן יונגערמאַן און אים ממש דערטראָנקען מיט לעגאַלע קלאַגעס, און אָנגעשראָקן ביז'ן גיין אין תפיסה, בלויז פאַרן חטא פון פירן אַ שאַטל-סערוויס.

ווען מ'האָט געוואָלט באַקומען אַן איינפאַכן פערמיט איבערצובויען אַ גאַראַדזש אָדער אויסברייטערן אַ פּאָרטש - איז נישט געווען קיין רעדע דאָס צו ערהאַלטן. בויען אַ בית המדרש? מאַן דכר שמיה! עד כדי כך, אַז ווען מ'האָט געעפנט דעם ערשטן שול, האָט מען אין באַהעלטעניש געדאַרפט גראָבן אַ מקוה מיט די בלויזע הענט... ווי אין די פאַרצייטישע מעשה ביכלעך זענען יונגעלייט געשטאַנען מיט שאָוולען און געשוויצט צו אויפגראָבן אַ בור טבילה. אָבער בלויז געציילטע וואָכן נאָך די ערעפענונג פון דעם בית מקדש מעט, זענען די ווילידזש-באַהערדע אָנגעקומען מיט אַן אייפער און פאַרשלאָסן דעם שול אויף שלאָס און ריגל!

שוין אָפּגערעדט אַז מ'איז אַריבער שבעה מדורי גיהנום איבער די טעמע פון טראַנספּאָרטאַציע, ווען דער וואַשינגטאָן סקול דיסטריקט האָט מיט יעדן סאָרט אינטריגעאון שפּיצלאַוועקגענומען די ערליך שטייער-באַצאָלטע טראַנספּאָרטאַציע צו מוסדות התורה אין קרית יואל. אַפילו ווען מ'האָט זיך שוין יאָ צוזאַמענגעקליבן מיט אַן אייגענע טראַנספּאָרטאַציע, האָבן זיי דירעקט אַראָפּגענומען נעמען פון די ליסטע

כסדר, זיכער צו מאַכן אַז עס פאַלן אַרויס קינדער, זיך צו שפּארן געלט אויפ'ן חשבון פון אידישע איינוואוינער.

אַזוי זענען אַריבער לאַנגע יאָרן וואָס אידן האָבן נאָכאַנאַנד געליטן אַזויפיל צער און פּיזור הנפש, שברון לב און אומגעהויערע שווערע געלט-שאָדנס. שוין אָפּגערעדט וואָס פאַרא תלאות מ'איז פאַרפאָלגט געוואָרן פון די באַהערדע דורכאויס די קאָוויד-עפּאָכע. 'כמה הרפתקאות עדו עלן!'

## תש"פ - אַ שטראַל פון האָפענונג

אָבער בחסדי השי"ת איז געווען 'מעז יצא מתוק', ווען ס'איז געקומען צו אַ פּונקט וואָס מ'האָט זיך דערזען אַז ס'איז אוממעגליך אַזוי פאָרצוזעצן, ווען די מאָס פון אָפענע דיסקרימינאַציע און אַנטיסעמיטיזם איז איבערגערינען אַלע גרעניצן.

אין די זומער חדשים פון תשע"ט האָבן זיך צום ערשטן מאָל צוזאַמענגענומען היימישע יונגעלייט פון אַלע קהילות ביינאזאם, מיט אַן ענערגישן געפיל פון עסקנות און אחדות, און מ'האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפ'ן לאַנגען שווערן וועג: **להציל עשוק מיד עשקו**, שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים.

ביז דעמאָלט איז געווען אַ מצב פון 'איש הישר בעיניו יעשה'. ס'איז נישט געווען קיין פאַראייניגטע כח וואָס זאָל זיך באַפאַסן מיט די ליידן פונעם יחיד און וואָס זאָל אַדרעסירן די פּראָבלעמען פון אַ צענטראַלן שטאַנדפּונקט. יעדער פּריוואַטער תושב האָט אליינס געמוזט זיך ספּראַווען מיט די רדיפות. און די ווילעדזש באַאַמטע האָבן דאָס גוט אויסגענוצט, וויסנדיג אַז זיי האַנדלען קעגן יחידים וואָס קענען זיי נישט געהעריג קאָנפראָנטירן.

אָבער ב"ה אַז 'לא לעולם חוסן'. יענעם זומער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ שטורמישער אסיפה אין ביהמ"ד צאַנז זמיגראַד – מיט דער באַטייליגונג פון אַריבער פערציג אנשי חיל ועסקנים פון אַלע שיכטן און קרייזן, און אויפ'ן אָרט איז ספּאָנטאַניש פאָרמירט געוואָרן אַ 'וועד הפועל' וואָס האָט באַקומען די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן וואַלן ביז דריי וואָכן, ווען יעדער איינוואוינער זאָל קענען באַשטימען זיין רעפּרעזענטאַטיוו אין דער נייער שטאָט'ס

אָרגאַניזאַציע וואָס וועט פאַרטרעטן די רעכטן פון יעדן יחיד.

## די גרינדונג פון איחוד הקהילות בלומינג גראוו - דער יו.דזשעי.סי.

אומר ועושה. ס'איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן ליסטעס מיט קאַנדידאַטן וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט די דעמאלט'דיגע דריי געגנטער, און בשעה טובה ומוצלחת איז געגרינדעט געוואָרן די 'פאַראייניגטע אידישע קהלות' פון בלומינג גראָוו -היינט ברייט באַקאַנט אַלץ די 'יו.דזשעי.סי'. וואָס האָט שוין זינט דאַן אַזויפיל געלייסטעט גדולות ונצורות פאַר אחינו בני ישראל.

על פי התורה אשר יורוך! פון דער ערשטער מינוט איז די יו. דזשעי. סי. געפירט געוואָרן מיט די פולסטע הדרכה און תורה'דיגע אויטאָריטעט פון די גדולי רבני העיר שליט"א, ועל פיהם יושק כל דבר. ס'איז דעמאָלט טאַקע אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אסיפה נחוצה צווישן די רבנים שליט"א, ועל צבאם כ"ק מרן אדמו"ר מצאַנז-זמיגראַד שליט"א, וואו ס'איז באַשטימט געוואָרן פה אחד אַז דער איינציגער מהלך וויאַזוי צו פאַרזיכערן אונזער צוקונפט, איז דורך אַריינוועלן סימפּאַטישע קאַנדידאַטן אינעם ווילעדזש וואָס זאָלן אַרויסהעלפן די הרחבת גבולי הקדושה און שטיין צו הילף פאַר די אידישע איינוואוינער.

ס'איז דעמאָלט ערשינען אַ היסטאָרישער קול קורא אונטערגעשריבן דורך אַלע רבני העיר שליט"א, וועלכע האָבן בדעת תורתם אויפגעפאָדערט דעם גאַנצן ציבור, אנשים ונשים, אַז יעדער איינער זאָל זיך רעגיסטרירן צו קענען אָפּגעבן זייער שטימע ביי די לאָקאַלע עלעקשאָנס למען הצלת ישראל ולמען עתיד הישוב.

ווירקליך האָט דער ציבור זיך אָנגעשלאָסן מיט הארץ און געפיל. אַלע תושבי העיר האָבן זיך רעגיסטרירט און צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון בלומינג גראָוו איז פאָרמירט געוואָרן אַ שטאַנדהאַפטיגער וואַל-באַזע, מיט אַ הייליגן ציל און תכלית, צו אָפּשטעלן די רדיפות קעגן אידישע קינדער און ערמעגליכן דעם אויפבליה פון אונזער געגנט.

## "אדר תש"פ - להקהל ולעמוד על נפשם"

דורכאויס די גאַנצע צייט האָבן די געטרייע עסקנים פּרובירט מיט אַלע מעגליכקייטן זיך צו ווענדן בדרכי נועם צו די געוועזענע באַהערדע און פּרובירן זיך דורכקומען מיט זיי אַז מ'זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו קיין וואַלן. מ'האָט אָנגעקלאַפּט איינמאָל און נאָכאַמאָל ביים מעיאָר און ביי די ווילעדזש באַאַמטע; מ'האָט זיך געבעטן צו באַקומען אַ מיטינג וואו מיר זאָלן קענען מיטטיילן אונזערע באַדערפענישן, אָבער צו אַלעמענס אַנטוישונג האָט די געוועזענע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע איינפאַך געלאַכט אין פּנים פאר די אידישע געמיינדע.

אפילו נאָכדעם וואָס די באַאמטע האָבן מיטגעהאַלטן וויפיל פרישע אידישע ווילער האָבן זיך רעגיסטרירט, האָבן זיי קאַלטבלוטיג קלאָרגעשטעלט אַז זיי קומערן זיך בכלל נישט מיט אונזערע געברויכן, און מ'זאָל זיך אפילו נישט איינרעדן אַז עפּעס האָט זיך געטוישט, נאר אַלעס בלייבט ביים אַלטן. מ'האָט פּרובירט מיט פאַרשידענע שליחים און אַלע ערליי מהלכים, אָבער מ'האָט פּשוט גערעדט צו אַ וואַנט. זייער שטיינערנע הארץ האָט זיך ליידער נישט גערירט קיין מילימעטער. נאר פּונקט פאַרקערט - אַזוויוי אין מצרים, האָבן זיי נאָכמער פאַרשטאַרקערט די רדיפות קעגן אחבנ"י.

שטייענדיג אין אַזאַ סיטואַציע, איז יענעם ווינטער ווידעראַמאָל פאַררופן געוואָרן אַ גרויסע אסיפה צווישן אַלע רבני העיר, וואו כ"ק אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א האָט באַטאָנט דעם חובת השעה אַז ווען די גוים זאָגן 'ישנו עם אחד מפוזר ומפורד', דאַרפן מיר נוצן די עצה פון 'להקהל ולעמוד על נפשם'. די רבנים שליט"א האָבן פה אחד באַשטימט אַז ביי די קומענדיגע ווילעדזש וואַלן זאל אַריינגעשטעלט ווערן קאַנדידאַטן מיט אַ אידיש האַרץ, לטובת בני העיר.

למעשה זענען די וואַלן דאַן אָפּגעשטופּט געוואָרן מיט זעקס חדשים, אין דער לעצטער מינוט, צוליב דעם קאוויד אויסברוך וואָס האָט פּאַראַלאַזירט די וועלט אויף לאַנגע חדשים. אָבער דעם קומענדיגן חודש אלול תש"פ, האָט השי"ת געהאָלפן מיט אַ געוואַלדיגע הצלחה למעלה מן המשוער, און ברוב רחמיו וחסדיו - מיט דער כח האחדות פון אַלע קהלות און קרייזן - איז באַוויזן געוואָרן דאָס אומגלויבליכע: דער ווילעדזש איז אַריבערגעגאַנגען אונטער אַ היימישע פריינטליכע אַדמיניסטראַציע!

## תשפ"א - אַ געבענטשטע קייט פון הרחבת גבולי הקדושה

פון דעמאָלט אָן איז שוין אייגנטליך אַ קורצער שפּרינג צו וואו מען שטייט ב"ה היינט - ווען איר האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ הערליכע אידישע הויז, און איר קענט רואיג געניסן פון אַ פריינטליכע היימישע שטאָט, צוגעשטעלט מיט אַלע הצטרכות'ן וואָס אַ איד קען נאר געברויכן, ברוחניות ובגשמיות.

והעי"ר משתאה לה! איבער דער גאַנצער אידישער וועלט קוקט מען נאָך די וואונדערליכע ערשיינונג, וויאַזוי אַן אומבאקאנטע געגנט איז אין בלויז געציילטע יאר אויסגעשטיגן אלס אן "עיר ואם בישראל" במלוא מובן המילה. אַ באַגריף וואָס האט אייגנטליך נישט קיין "אח וריע" אין די געשיכטע פון היימישע ישובים! מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו!

דער לאָקאַלער ציבור קענען גוט דעם באַליבטן סלאָגאַן פון 'ובשם ה' נעשה ונצליח' וואָס איז ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס דער אומאָפיציעלער "טרעידמארק" פון אונזער שטאט... ווייל דאָס איז דער בלויזער אמת, 'אין עוד מלבדו'! והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים, דאָס האָט אונז טאקע ממשות'דיג באַגלייט אויף יעדן ריר, כה יתן ה' וכה יוסיף להלאה.

זינט דאַן ביז'ן היינטיגן טאָג, איז די אויפגאַבע פון די 'יו.דזשעי.סי.' געבליבן גענוי דאָס זעלבע: צו שטיין צו הילף פאר יעדן יחיד מיט אַלעם וואָס מען דארף האָבן! בשעתו האָט מען קריטיש געדאַרפט פאָקוסירן אָפּצושלאָגן דעם פיינטליכן ווילידזש. אָבער זינט דאַן האָבן זיך צייטן געטוישט ב"ה, אָבער די הייליגע מיסיע זעצט וייטער פאר: די יו. דזשעי. סי. שטייט אויפ'ן פראָנט אַלעמאָל, צו פאַרזיכערן און באַגלייטן דעם וואוילזיין פון תושבי העיר, און צו אַרויסהעלפן, פאַרגרעסערן, און פאַרשענערן, דעם אומגלויבליכן וואוקס און בליה פון אונזער הערליכע אידישע שטאט - להרחיב גבולי הקדושה ולהגדיל תורה ולהאדירה.

אויב מ'וועט אָנהויבן אויסרעכענען די אומצאָליגע לייסטונגען וואָס זענען ב"ה דורכגעפירט געוואָרן במשך די פאַרלאָפענע יאָרן, וועט עס זיין 'יכלה הזמן והם לא יכלו'. לאָמיר בלויז דערמאַנען עטליכע כלליות'דיגע פעולות פון וואָס יעדער איינציגער תושב העיר האָט בענעפיטירט דורכאויס די יאָרן.

**טראַנספּאָרטאַציע:** עס געדענקט זיך גוט וויאַזוי בשעת די קאוויד עפּאָכע האָט די וואַשינגטאָן סקול דיסטריקט גענצליך אָפּגעשטעלט טראַנספּאָרטאַציע צו די מוסדות התורה פאר לאַנגע חדשים מיט'ן אויסרייד אַז קרית יואל איז אַ 'רעד זאָנע'... די יו.דזשעי.סי. איז דעמאָלט איבערנאַכט אַריינגעשפּרונגען און אָפּגעקויפט צוועלף סקול-באָסעס! ס'איז אויפגענומען געוואָרן דיספּעטשערס, דרייווערס און אַ פולקאָמע אַדמיניסטראַציע וואָס האָט קרוב צו צוויי יאָר סוקסעספול אנגעפירט מיט אַ ברייט פאַרצווייגטן טראַנספּאָרטאַציע-אַפּאַראַט — פאַר כמעט בחינם.

**לעגאַלע שתדלנות:** די יו. דזשעי. סי. האָט אָנגעפירט מיט אַ קאָמפּליצירטע געריכטליכער קאַמף, וואָס האָט זיך פאַרצויגן פינף יאָר, כדי צו באקומען די פילע טראנספארטאציע סערוויסעס באצאלט פון די אידישע שטייער אפצאל דורך דעם וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט, און בחסדי ה' איז דאָס טאַקע ערייכט געוואָרן ווינטער תשפ"ו, להנאת כל תושבי העיר.

**פּאָליטישע אינטערוועניץ:** מ'האָט אַריינגעשטעלט אַ פריינטליכן אידישן קאַונסילמאַן אינעם טאַון אוו בלומינג גראוו — מיט אָפענע אויגן און אויערן, אונז אַרויסצוהעלפן מיט אַלע טאַון אַנגעלעגנהייטן, א שטייגער ווי העלפן אפשלאגן דעם העסליכן 'פרעזערוועישאן טעקס געזעץ' ביי צוויי באזנדערע אפשטימונגען, ווי אויך צו פארמיידן די 'בוי-מאראטאריום' באגרעניצונגען וואס דער טאון האט געפלאנט איינצופירן, דער געטרייער אידישע קאונסילמאן איז אויף א שטענדיגער וואך לטובתינו יומם ולילה.

**זאָונינג:** ועל כולם זענען ב"ה אַריינגעשטעלט געוואָרן סימפאטישע היימישע באַאמטע סיי אין דעם 'זאָונינג

באָורד' און סיי אין דעם 'פלעניניג באָורד', וואָס האָט ערמעגליכט דעם היסטאָרישן דורכברוך, צו גענצליך איבערדרייען און מבטל זיין די שעדליכע זאָונינג קאָוד געזעצן, וואָס זענען אָריגינעל געשריבן געוואָרן דירעקט קעגן אידן. דאָס טוט ערלויבן די אויפבוי פון אידישע דירות און בתי מדרשים, להרחיב גבולי הקדושה לחיותינו כהיום הזה.

## מחיל אל חיל; מען שפּאַנט פּאָראויס!

אָט די גאָלדענע מיסיע פון די 'יו. דזשעי. סי.' זעצט פאָר מיט'ן פולסטן געטריישאַפט און אחריות: **צו באַגלייטן סיי דעם ציבור און סיי דעם יחיד מיט וואס אימער עס פעלט זיך אוים, שלא יחסר המזג!** מען אַרבעט נאכאנאנד ווייטער - האַנט ביי האַנט מיט'ן ווילעדזש - צו ברענגען בעז"ה אַ לעכטיגן צוקונפט פאר דער גאַנצער שטאט אויף אַלע געביטן און פראָנטן.

דאָס רעכנט אַריין די אויפבוי פון פרישע בתי מדרשים און מוסדות התורה; דאָס אַהערשטעלן און אויסברייטערן נייע ביזנעס-מעגליכקייטן; דאָס אויפבויען פרישע פּאַרקס פאַר קינדער געבענטשטע משפחות, דאָס ערגענצן דעם היימישן פייער-דעפּאַרטמענט וואָס טוט אצינד פונקציאָנירן מיט אַ אידיש האַרץ; דאָס פאַרברייטערן דעם רוט 208 צו פאַרמיידן דעם טראַפיק-אָנשטויסעניש; און דאָס פילפאַכיג אויסברייטערן די וואַסער און סוער סופליי מיט מיליאָנען גאַלאָנען פרישע וואסער און צוגאב צו כסדר'דגע פרישע קוועלער.

און בעיקר ווערט קאָנצענטרירט אַלע כוחות צו פאַרזיכערן אַז אין בלומינג גראָוו זאל שטענדיג זיין אַ שפע פון רחבות'דיגע דירות פאר היימישע אידן אויף אַן עפאורדעבל פאָרמאַט. יעדער יחיד וואָס פאַרמאָגט אַ פּראַפּערטי, און איז גרייט זיך צוצושטעלן צו די פּראַקטישע זאָונינג געזעצן, זאָל האָבן די מעגליכקייט צו קענען בויען. אַזוי אַז ס'זאָל אַלעמאָל זיין אַ ברייטע שפע פון פילע אויסוואלן סיי פון מולטי-פאמיליעס און סיי פון סעמי-פרייוועט הייזער -די פּרייזן זאָלן זיך האלטן נידריג, און עס זאל נישט זיין קיין קאנטראלירטע מאנאפאל אויפ'ן דירות מאַרקעט!

## אונזער איינציגע געצייג — "אייער שטימע"

פאַרשטענדליך אַז כדי צו קענען אָנקומען און אויפטון דאָס ריכטיגע, איז מען גאָר שטאַרק אָנגעוויזן אויף די קאונטי, סטעיט, און פעדעראלע רעגירונג. מיר דארפן האבן זייער אויפמערקזאמקייט, זייער גוטן ווילן, און זייער הילף — סיי מיט גרענטס, סיי מיט אנדערע מיטלען — כדי צו ווייטער פארזעצן מיט די הייליגע ארבעט, לתועלת הרבים.

אונזער איינציגסטע מיטל דאָס צו באַווייזן—סיי אינעם עבר, סיי אינעם הווה — איז דער פאַקט אַז בלומינג גראוו ברענגט שטענדיג אַרויס ביי די וואַלן אַ גאָר שיינעם טורנאַוט פון ווילער, וואָס פּראָצענטואַל איז עס פיל העכער ווי פון אַנדערע געגנטער — און דאָס איז די שטאַרקסטע זאַך אויף וואָס פּאָליטיקאנטן קוקן! זיי ווייסן אַז מ'דאַרף זיך רעכענען דערמיט, הגם מיר זענען נאך א קליינע שטאט, אבער זיי פארשטייען גוט אז מיט דער צייט וועלן דא וואוינען טויזנטער משפחות בליעה"ר. ווען זיי זעען אז דער ציבור קומט ארויס מיט א שטארקע געפיל, זענען זיי גרייט צו ארויסהעלפן מיט אפענע טירן און אן אוזן קושבת פאַר יעדע זאך וואס היימישע אידן פארלאנגען.

**ומכאן הקריאה יוצאת בכל לשון של בקשה:** רעגיסטרירט זיך צו שטימען און האָט דערמיט אַ גלייכע חלק אין די אַלע תורה, עבודה, און גמילות חסדים וואָס וועט אַרויסגיין פון דער שטאָט ביז משיח'ס טאָג, ס'איז זיכער אַז דער גרויסער זכות פון רבינו הק' זי"ע, מייסד העיר, וועט אייך באַגלייטן צו ווערן געבענטשט בכל מילי דמיטב.

## תשפ"ז - קומם קהל עדת מי מנה!

און צום שלום, אריינטרענדיג אין דעם פרייליכן געהויבענעם יום טוב, זמן שמחתינו, הייבט זיך אויף די הענט צום הימל מיט א געבעט צו השי"ת: רבוש"ע, האסט אונז געהאלפן און באגלייט ביז יעצט מיט אזויפיל סייעתא דשמיא, מיר בעטן דיר, הייליגער באשעפער, גיב אונז ווייטער כח, געזונט און דעם ריכטיגן ישוב הדעת, ותקנינו בעצה טוב מלפניך, צו ממשיך זיין מיט דער אחריות'דיגער אַרבעט - **על מי מנוחות ינהלנו, ינחני במעגלי צדק למען שמו!** מען זאל ריכטיג קענען ארויסהעלפן און אויפטון פאר'ן ציבור, פאר'ן יחיד, פאר'ן כלל און פאר'ן פרט.

דערביי רייסט זיך ארוים א תפלה, **היה עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל,** פאר די געטרייע שלוחי הציבור, אונזערע אחריות'דיגע טראָסטים; פלענינג באָורד מעמבער'ס ;זאונינג באָורד מעמבער'ס; און די פייער דעפארטמענט מעמבער'ס, וועלכע גיבן זיך אזויפיל אוועק פון זייער צייט און קאפ און מוח, למען תועלת הציבור. **כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך,** די הצלחה און סייעתא דשמיא זאל זיי ווייטער באגלייטן, צו זיין די ריכטיגע שלוחים לטובת עמך בית ישראל אשר צרכיו מרובין, עס זאל נתרבה געווארן דער כבוד שמים על ידם און נישט ארויסקומען קיין שום מכשול וטעות חלילה, ילכו מחיל אל חיל לרומם קרן התורה והעיר לשם ולתהלה.

ויהי רצון אַז מיר זאלן שוין בקרוב זוכה זיין צו דער גרויסער ישועה פון "עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שיקבעו בארץ ישראל", ווען ס'איז דאך נישט קיין צווייפל, אז אונזער גאנצער הייליגער שטאט בלומינג גראוו, מיט אירע הערליכע בתי מדרשים און אידישע שטיבער, וועט פארמאגן א פראמינענטן ארט אין דער ירושלים הבנויה בקרוב אין אונזערע טעג.

יה"ר שנזכה לשנה הבאה לישב בסוכת עורו של לויתן! לשנה הבאה בירושלים!

**א פרייליכן יום טוב, מועדים לשמחה חגים וזמנים לששון**

**וואונטשט: איחוד הקהילות בלומינג גראוו**


EVERY AISLE BRINGS SOMETHING NEW
צווישן פאלם טרי
און בלומינגראוו
איז אן אינזל פארהאן



pivotgroup.nyc
ISLAND
SUPERMARKET
צווישן דער עיר ואם בישראל קרית יואל און דעם אויפבליענדן
בלומינגראוו געפינט זיך אן אינזל. 'איילענד' איז נישט סתם נאך א
סופערמארקעט, נאר א פולשטענדיגער צענטער וואס פארמאגט
פון די רייכסטע און בעסטע, אויפן העכסטן סטאנדארט, און איז
ספעציעל געבויט און אויסגעשטעלט געווארן אינזינען האבנדיג די
געברויכן פון די גאנצע אידישע משפחה.
GRAND OPENING: END OF OCTOBER
ISLAND
SUPERMARKET
SK
SATMAR
KASHRUS

# אקטיוועער "פייער טרענירונג צענטער" אויפגעשטעלט דורך ווילעדזש פייער דעפארטמענט

אריבערפארנדיג אויפן רוט 208 נעבן מאונטען ראוד, באמערקט מען א נייע שילד אויף א וועג וואס פירט אריין צו א ריזן שטח, וואס מעלדט איבער אן אקטיוועע 'טרענירונג באזע' פאר די ווילעדזש פייער דעפארטמענט.

דער ריזיגער שטח איז אויסגעשטאט מיט א רייע איינריכטונגען וואס די ווילעדזש באאמטע און די טשיפס פון די פייער דעפארטמענט האבן דאס געזען אלס א ריכטיגע פלאץ אוועקצושטעלן די אזוי וויכטיגע טרענירונגען, כדי צו קענען ווירקליך אויסשפילן לעבעדיגע סצענעס און געבן פאר די וואלונטירן דעם עכטן געפיל און די נויטיגע עקספערטיז.

די טרענירונג גראונדס זענען צוגעשטעלט געווארן דורך הרבני הנגיד מו"ה ר' אברהם יצחק בראך הי"ו העומד מוכן ומזומן בעל עת ועונה לכל קדשי בלומינג גראוו, וועלכער האט געשאנקען א 50 אקער פראפערטי דורכצופירן אלע וויכטיגע טרענירונגען.




איינס פון די שטארקע מעלות פונעם פייער טרענירונג פעסיליטי איז די געביידע. א געבוי פון עטליכע שטאק מיט קארידארן וואס איז שוין ארויס פון באנוץ פאר א שיינע פאר יאר, וואס איז ממש פאסיג און אקוראט אהערגעשטעלט פארן צוועק פון טרענירונגען. דאס גיט פאר די וואלונטירן וויכטיגע לעבעדיגעביישפילן און עקספערסייזעס וויאזוי זיך אראפצולאזן פון ברענעדיגע געביידעס, שניידן שיפע דעכער, אריינדרינגען אין פארהאקטע צימערן, אויפשניידן ווענט און באפרייען פארכאפטע.

דער טרענירונג צענטער פראיעקט איז גענומען געווארן עטליכע שטאפלען העכער דורך די פייער באאמטע אין בעפארגרייטונג צום פארגאנגענעם זומער סעזאן העעל"ט, ווען עס מאכן זיך אפטער הילפס-רופן ה"י, וואס ביז היינט האט מען געברויכט אויסווארטן די שלאבערישע באהאנדלונג פון די אלגעמיינע פייער פארוואלטונג אין די געגנט.

עס האבן זיך געמאכט לאורך הדרך קריטישע סצענעס וואו סעקונדעס שפילן א קריטישע ראלע און יעדע מינוט און יעדע ריר מאכט א חילוק בין מות לחיים. דעריבער האט זיך ארויסגעשטעלט די וויכטיגע נויט פאר היימישע וואלונטירן אויפצובויען זייער עקספערטיז אויך אינעם פעלד פון עקסידענטן ה"י אויפן העכסטן אופן שייך, צו קענען זעלבסטשטענדיג רעספאנדן פלינק מיט הארץ, און שטיין גרייט אויף יעדע פאל.

דערפאר האט די ווילעדזש פייער דעפארטמענט געלאזט אין קראפט א






פאר א פייער אדער גאז עמערז

פאקטישן און גוט-אוועקגעשטעלטן טרענירונג צענטער, וואס שטייט געאייגנט בלויז פאר דעם צוועק דורכצופירן פילצאליגע עקסערסייזעס איסצושארפן די עקספערטיז פון די געטרייע וואלונטירן פון די לאקאלע פייער דעפט.

אלס טייל פון די אנגייענדע טרענירונגען, האט מען דורכגעפירט עקסערסייזעס, וואס נעמט אריין ספעציעלע מאנעווערעס פון אויפשניידן די דיקע אייזערנע טירן פון א קאר, אין פאל ס'איז דא אן אומגליק און מ'דארף ארויסשניידן פארכאפטע פון קארס, און צומאל קארס וואס ברענען, און וואס האבן טענק פול מיט געזאלין, און נאך אנדערע שעדליכע מצבים זיכער צו מאכן אז דער פאסאזשיר אינעם קאר ווערט ארויסגעשניטן און ארויסגעראטעוועט אין בליציגע סעקונדן, צו וויסן געניי וואו און וויאזוי צו שניידן אן צו שעדיגן די פאסאזשירן. דאס איז א גאר קאמפליצירטע פראצעדור וואס נעמט אסאך צייט אויפצובויען די עקספערטיז דערין עס צו קענען דורכפירן שנעל און פלינק.

די טרענירונגען אויף געשעדיגטע אויטאמאבילן נעמען אויך אריין דאס זיך באנוצן מיט גאר קאמפליצירטע מכשירים און טעכניקן דאס דורכצופירן סוקסעספול בעז"ה, אין קורצע סעקונדען אונטער פרעשור.

דאס איז די א סעריע פון דריי טרענירונגען אוועקצושטעלן דעם דעפארטמענט אויפן העכסטן שטאפל בעז"ה אין יעדן הינזיכט, צו זיין גרייט אויף יעדע רוף עס זאל זיך נישט מאכן.




די טרענירונג סעריע אנטהאלט אויך פילצאליגע נושאים צו האבן א גרונטליכע קענטעניס אין אלע מעכאניזמס וואס זענען דא אין קארס, פרעשוריזירטע סיסטעמען, די גאז און אויל, און פארשידענע פלעמעבל און שעדליכע פליסיגקייטן און פונקטליכע פראטאקאלן וויאזוי דאס צו באהאנדלען און וויאזוי זיך אומצוגיין דערמיט. און נאכ'ן לערנען די כללים אויף פאפיר, צו דעם אקטועלן פראקטישן אופן, דעם פיזישן טרענירונג, עס דורכצופירן בפועל, ווי די מעמבערס האבן ברוך השם ארויסגעוויזן גאר גוטע קענטעניסן סיי אויפ'ן פאפיר טעסט, און אויך נאכדעם ביי די סעריע טרענירונגען אויף פראקטישן מציאות.

**ואם ד' לא ישמר עיר שוא שקד שומר**

# ווילעדזש פייער דעפארטמענט ענדיגט סוקסעספול עקסטריקעישאן טרעינינג

סוף זומער האט די ווילעדזש פייער דעפארטמענט געענדיגט די לאנגע סעריע פון קאמפליצירטע BPVR ב'עיסיק פ'אסאנזשיר וו'יהיקל ר'עסקיו עקסטריקעישאן טרעינינג.

די לעצטע טרענירונג איז פארגעקומען אויפ'ן ווילעדזש פייער טרעינינג סייט אויף רוט 208 באנאזאם מיט א גרופע אינסטרוקטארס פון די סטעיט און קאונטי פייער טרעינינג סענטער, וואו אלע מעמבערס האבן ברוך השם זיך סוקסעספול פארהערט און געפארטיגט די עקזעם הונדערט פראצענטיג, און זיי זענען געווארן באערט מיט די פאסיגע סערטיפיקאציעס צו זיין גרייט און סערטיפייעד ארויסצוהעלפן על כל צרה שלא תבוא.

**בעזרת השם יתברך מיט די ריכטיגע השתדלות, וועט דער באשעפער אונז אפהיטן אז מען זאל עס נישט דארפן נוצן.**






ערזשענסי רופט: 845.585.1212

# וועלי הייטס דעוועלאפער שענקט נדבה פון גאר סאפיסטיקירטן טאנקיר אפאראטוס

די ווילעדזש פייער דעפארטמענט איז בשעה טובה ומוצלחת אריין אין קאנטראקט פאר א פאמפער/טאנקיר מיט א קאפאציטעט פון פיר טויזנט גאלאן וואסער, וואס איז דערווייל די ערשטע אזא סארט טאנקיר אין אראנזש קאונטי.

דער טייערער אפאראטוס איז צושטאנד געקומען דורך די פילאנטראפישע נדבה פון די וועלי הייטס דעוועלאפמענט גרופע בנדבת הרבני הנגיד מו"ה שלמה פעדער נ"ו וואס האט דאס געשאנקען ביים מסיבת פתיחת שערים פון די פייער דעפארטמענט דעם פארגאנגענעם חודש ניסן, אומר ועושה, ווי פאר אלעמען באקאנט ביי זיינע פילע פילאנטראפישע פראיעקטן און צדקות, האט ר' שלמה תיכף אראפגעלייגט א דעפאזיט און דער טאנקיר איז באשטעלט געווארן.

אין די יעצטיגע וואכן ווערט דער נייער פאמפער/טאנקיר צוגעענדיגט ביי די פעקטארי, וואו עס ווערט צוגעפארטיגט אלע קאסטומיזאציעס, די אינטאלאציע פון טייערע כלים און פארגעשריטענע טעכנאלאגיע און אפציעס צו זיין גרייט און עפעקטיוו ביים באקעמפן פייערס אויסגעשטאטעט מיט די בעסטע פיטשערס וואס נאר מעגליך, צו זיין גרייט צו באדינען תושבי העיר על כל צרה שלא תבוא.



צו די זעלבע צייט, דאהי ביים פייערהויז, בויעט מען צו א פרישע בעי צום פייער גאראדזש בנדבת לבם הטוב פון די חשוב'ע לאקאלע נדיבים יקרים, סופלייערס און קאנטראקטארס כל אחד ואחד בשמו הטוב יבורך.

דער נייער בעי איז נישט סתם א גאראדזש, נאר איז געבויעט מיט א ספעציעלע פונדאמענט מיט רע-אינפארסעד קאנקריט, נעמענדיג אין חשבון אז דער פאמפער/טאנקיר ווען ס'איז אנגעפילט מיט וואסער וועגט עס איבער 50,000 פונט, דארף דאס זיין געבויעט צו קענען דערהייבן דעם וואג, און אויך דער בנין דארף זיין געבויט גאר שטארק אז מען זאל נישט שפירן קיין ווייברעישאן.

די ווילעדזש בויעט אויך צו א גרויסע קלאס רום פאר די טרעינינג סעסיעס, מיט א קאנפערענץ רום און אפיסעס פאר די אדמיניסטראציע פון די פייער דעפארטמענט.

דער נייער בעי וועט בעזרת השם זיין גרייט ווען דער טאנקיר קומט אן ביז געציילטע וואכן בשעה טובה ומוצלחת!






# ווילידזש פייער דעפארטמענט נעמט אנטייל אין עקסטענסיווע פאמפ אפעראציע טרענירונג

עטליכע מאל אין יאר קומט פאר א ספעציעלע טרענירונג וואס ווערט אנגעפירט דורך די סטעיט אפיס אוו פייער פראטעקשאן אינאיינעם מיט די ארענדזש קאונטי פייער דעפארטמענט אויטאריטעט, זיכער צו מאכן אז אלע לאקאלע פייער דעפארטמענטס און די קאונטי באטאליאנס אין די מיוטשועל עיד פראגראם זענען דורכדרינגליך מיט זייער עקספערטיז און קענטעניסן מיט אלע סארטן פאמפ אפעראציעס, אז אויב עס מאכט זיך חס ושלום אן עמערזשענסי, זאל מען זיין באהאוונט מיט אלע פונקציעס און אלע פראטאקאלן וויאזוי צו באהאנדלען דעם פייער, סיי מיט'ן אטאקירן דעם פייער זעלבסט און סיי די MUTUAL AID, וויאזוי צו ארבעטן איין דעפארטמענט מיט'ן צווייטן.

ווען דער MUTUAL AID פראגראם ווערט אקטיוויזירט, ארבעטן פארשידענע דעפארטמענטס אויף א סצענע ווי א גוט געשמירטער מאשין און ווי איין גרויסע פייער דעפארטמענט. צום ביישפיל, אז מען דארף ברענגען וואסער דורך טאנקירן און צו-טשעפען די פילע ריזיגע פייפ אפאראטן פון איין ענדזשין צום צווייטן, אריינצוציען פילע ליניעס אין די ברענענדיגע געביידע, און עקסטרע ליניעס צום לייטער טראק, עקסטער איז דא אפעראציעס צו די פייער היידראנטס, צו די פארטעבל וואסער באסיין, און צו די טאנקירן, א.א.וו..

פיל מאל קומט אויס אז איין דעפארטמענט ארבעט מיט די טראקס און עקוויפמענט פון א צווייטע דעפארטמענט, דערפאר פעלט זיך אויס א דורכדרינגליכע טרענירונג צו זיין באהאוונט סיי מיט די אייגענע עקוויפמענט, סיי מיט די עקוויפמענט פונעם אנדערן, סיי אנצוהאלטן די קאמיוניקאציעס און דעם טשעין-אוו-קאמאנד ביי די סצענע, און נאך פיל פרטים זיכער צו מאכן אז אלעס איז הונדערט פראצענטיגע מסודר און יעדער איינער איז גאר דורכדרינגליך באהאוונט מיט די אפעראציעס.

די גאר וויכטיגע טרענירונג איז פארגעקומען ביי די ארענדזש קאונטי פייער טרענינג סענטער, מיט די באטייליגונג פון די סטעיט און קאונטי אפישעלס, פילע דעפארטמענטס אין ארענדזש קאונטי, צווישן זיי די צוויי חרד'ישע פייער דעפארטמענטס אין די קאונטי, קרית יואל און סאוט בלומינג גראוו.

עס איז געווען א קידוש השם צו זען ווי חסיד'ישע אינגעלייט עוסקים בצרכי ציבור באמונה גיבן אוועק פון זייער טייערע צייט אויף א זונטאג, און מ'ארבעט האנט ביי האנט און מיט די אלגעמיינע פייער דעפארטמענטס מיט עקספערטיז און פראפעשאנעליזם אויפ'ן העכסטן שטאפל.

זאל דער באשעפער העלפן אז דאס השתדלות וואס מען טוט זאל אונז אלע היטן אז מען זאל נישט דארפן אנקומען דערצו.

ואם ד' לא ישמר עיר, שוא שקד שומר.












# ווילעדזש פייער דעפארטמענט פירט דורך עקסטענסיווע סטרוקטור פייער טרענירונג

וואלונטירן פון די ווילעדזש פייער דעפארטמענט האבן דורכגעפירט אן עקסטענסיווע "סטרוקטור פייער" טרענירונג, וועלכע האט אויסגעשפילט א רעאליסטישע סצענע פון א הויז פייער, ווי מען האט שטודירט יעדע איינצעלהייט פונעם ערשטן דיספעטש רוף ביז פולקאם פארלעשן די פייער און פארענדיגן די גאנצע אפעראציע.

דורכאויס די טרענירונג האבן די ווילעדזש פייער וואלונטירן דורכגעפירט און פארבעסערט וויכטיגע פייער פראצעדורן אריינגערעכנט די פייער באקעמפונג פראצעדור, זוך און רעטונג פראצעדור, ווענטילאציע, אקאונטעביליטי אויף אנדערע פערסאנעל, "מעידעי" פראצעדורן, קאמיוניקאציע און קאמאנד אויף די סצענע, און די קאארדינאציע פון אלע פייער געצייג, מאשינען און אפעראציעס.

די סארט רעאליסטישע טרענירונגען זענען א וויכטיגער טייל פון האלטן די פייער וואלונטירן צוגעגרייט מיט די העכסטע שטאפל פון קענטעניס, פראפעשאנעליזם און צוזאמענארבעט, כדי צו קענען באשיצן די ווילעדזש איינוואוינער אין צייט פון נויט.

זאל דער באשעפער העלפן אז דאס השתדלות וואס מען טוט זאל אונז אלע היטן אז מען זאל נישט דארפן אנקומען דערצו.

ואם ד' לא ישמר עיר, שוא שקד שומר!





# דעפארטמענט און פובליק ווארקס ענדיגט סוקסעספול סעזאן פון פראדוקטיווע ארבעט צו פאררעכטן, פארבעסערן, און פארשענערן די ראודס און אינפראסטרוקטור

די ווילעדזש האט און די פארגאנגענע וואכן איבערגעמאכט גאנץ ווירדזשיניע עוועניו, א חלק פון ארלינגטאן דרייוו און א חלק פון ראנאוק דרייוו. ווי אויך ווערט אצינד אויסגעברייטערט איבערגעפרישט און פארבעסערט דעם אפגענוצטן און צולעכערטן מענזשין ראוד.

צו דער זעלבער צייט גייט מען נאך בעפאר'ן ווינטער איבערמאכן טענעדזשער דרייוו פון די אפארטמענטס ביז לעיק שאור, גאנץ לעיק שאור דרייוו און האוקס נעסט ראוד, אין צוגאב צו סאן מארקאס, קינגסוויל ראוד און די קומענדיגע וואכן, און נאך פילע ראוד, קעטש בעיסינס און דרעינעדזש פאררעכטונגען.

מיר האפן אז אויפ'ן קומענדיגן זומער הבעל"ט וועט שוין דער סיידוואלק גרענט זיין אין שוואונג, און איינמאל מ'וועט ענדיגן אויסברייטערן דעם ראוד אויף דועלק עוועניו און צולייגן די סיידוואלקס, וועט מען אנהייבן דעם מעגא פראיעקט פון איבערמאכן גאנץ דועלק עוו.

בס"ד

# קארבאן מאנאקסייד איז קיין שפיל!

דעם יעצטיגן מוצאי שבת איז אריינגעקומען א רוף צו די פייער דעפארטמענט איבער א קארבאן מאנאקסייד דעטעקטאר וואס האט געארבעט דורכאויס שבת, וואס די איינוואוינער האבן געלאזט לויפן ביז מוצאי שבת.

עס איז וויכטיג צו באטאנען אז קארבאן מאנאקסייד איז א שטילער רוצח. חס ושלום, אויב לייגט מען זיך שלאפן ווען עס איז דא אן אנוועזנהייט פון קארבאן מאנאקסייד אין שטוב, איז ליידער דא שטארקע שאנסן אז מען זאל זיך נישט ערוועקן מער.

מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען דעם חשוב'ן ציבור: **אויב קלינגט א קארבאן מאנאקסייד דעטעקטאר ביי אייך אינדערהיים, זאלט איר רופן די פייער דעפארטמענט תיכף ומיד אן זיך פארזוימען אפילו אום שבת קודש!**

קארבאן מאנאקסייד שמעקט נישט, און מען שפירט עס נישט, ביז עס איז שוין צו שפעט...

## דאס איז פיקוח נפש און א שפיל מיט'ן לעבן ממש!




די פייער דעפארטמענט איז טרענירט צו פראפעסיאנאל באהאנדלען אזאנע פעלער על פי תורה בהוראת רבני העיר און די מורה הוראה פון די דעפארטמענט לויט די שיעורים וואס ווערן רעגלמעסיג פארגעלערנט.

בזכות פון די השתדלות זאל דער אייבערשטער אונז אפהיטן פון אלעם בייזן, ושלא יהיה שום מכשול ונזק, וד' ישמור צאתנו ובואינו מעתה ועד עולם, אמן!

In association with

Village of
South Blooming Grove
Fire Department

29 Merriewold Lane South
Blooming Grove, NY 10950

בס"ד

ORANGE COUNTY • NEW YORK
VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE
EST. 2006

# VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE

811 Route 208, Monroe NY 10950 • Phone: 845-782-2600 • Fax: 845-782-2601
P.O. Box 295, Blooming Grove, New York 10914 • sbgny.gov

# טויש אין די רעגולאציעס בנוגע די סאניטאציע פיק-אפס פאר די זיכערהייט און רייינקייט פון די שטאט

אין די לעצטע צייט בלייבן מער און מער גארבידזש קענס אויפן ראוד נאכן פיק-אפ, און דאס ברענגט צו סיי אז די ראודס זענען נישט זויבער און ס'איז אנגעלייגט, סיי אז עס טוט שטערן דעם טראפיק פלוס, ווען צומאל איז דא גארבידזש קענס אויף ביידע זייטן פונעם ראוד און עס ווערט דורך דעם בלאקירט צוויי פולע טראפיק לעינס אויף ביידע זייטן.

ווי אויך איז א גארבידזש קען אויפן ראוד א גרויסע סכנה פאר קינדער וואס שפילן אויפן גאס, ווען מערערע מאל שפילט א קינד אונטער א גארבידזש קען, א קאר וואס קומט צו פארן קען נישט באמערקן דעם קינד ממש ביז די לעצטע רגע, און לעצטנס איז געווען גרויסע סכנות אין אזאנע פעלער.

דעריבער, האט די ווילעדזש מיט די סאניטעישאן קאמפאני אויסגעארבעט א מהלך אז מהיום והלאה וועט די גארבידזש טראק אפנעמען די קענס פון אינעווייניג פון אייער קוירב, דאס באדייט אז ווען איר לייגט ארויס די גארבידזש, זאל מען עס לייגן אינעווייניג פונעם קוירב, אדער אויף די דרייוו-וועי אדער אויף די גראז.

עס איז ראטזאם עס צו לייגן צו די לינקע זייט פון די דרייוו-וועי, שטייענדיג פארנט פון די דרייוו-וועי צו די לינקע זייט. דער גארבידזש טראק וועט עס אפנעמען פון דארטן און ער וועט עס אויך צוריקלייגן אהין.

ביטע מאכט זיכער נאכצוקומען די נייע רעגולאציע פאר די זיכערהייט פון די פוסגייער און קינדער און פאר די רייינקייט פון די גאסן.



די קאוד ענפארסמענט באאמטע וועלן עס אינפארסירן אנגעפאנגען אין די קומענדיגע טעג.

א יישר כח פאר אייער קאאפעראציע און פארשטענדעניש.



מיט פארשטענדעניש
**ווילעדזש אוו סאוט בלומינג גראוו**

בס"ד

# טייערע תושבי העיר!

**מיר נויטיגן זיך אין נאך וואלונטירן זיך אנצושליסן**
**און ארויס העלפן מיט די מלאכת הקודש**

# האט איר א געפיל צו הצלת נפשות?

**זענט איר אינטערעסירט ארויסצוהעלפן די פייער דעפארטמענט אויף פארשידענע פראנטן פון אקטיווע פייערפייטינג אפעראציעס?**

## יעדע איד ציילט!

**שליסט אייך אן צו זיין א חלק אינעם הייליגן מיסיע פון הצלת נפשות, און ווערט א מעמבער אין די סאוט בלומינג גראוו פייער דעפארטמענט.**

**אייער צייט קען העלפן ראטעווען לעבנס.**

רעגיסטרירט אייך אויפ'ן קאמפיוטער

**https://sbgfd.org/va**

ובשם השם נעשה ונצליח!

מיט שעצונג

Village of South Blooming Grove
Fire Department

פאר א פייער אדער גאז עמערזשענסי רופט:
TO REPORT A FIRE OR GAS EMERGENCY CALL:
845 585.1212
רופט באצייטנס! ראטעוועט לעבנס!

In association with

**Village of**
**South Blooming Grove**
**Fire Department**

29 Merriewold Lane South
Blooming Grove, NY 10950




# תרוממנו למ
# תזכינו בנבנתה




# ...עָלָה לְמָעְלָה
# ...הָעִיר עַל תִּלָּה!

# פּראָדוקטיווע קאָנפערענץ פאַראייניגט דעוועלאָפּער, קאָנטראַקטער, און ווילעדזש פאָרשטייער מיט גינסטיגע רעזולטאַטן לטובת הציבור

**פערטער קאָנפערענץ אין דער רייע, טוט פאַרזיכערן די רואיגקייט פון תושבים דורכאויס אָנגייענדע בוי פּראָיעקטן; צעמענטירט די הוראות רבני העיר שליט"א על משמר חומת השבת; און פאַרשנעלערט די בוי פּראָצעדורן צו אַלעמענ'ס צופרידנהייט**

אין אַ פּאָזיטיווע שטימונג איז פאָרגעקומען אַ העכסט סוקסעספולער קאָנפערענץ זיצונג, צווישן די ווילעדזש באָורד פאָרשטייער, אינאיינעם מיט פילצאָליגע בויער, דעוועלאפערס און אינוועסטירערס — סיי פון קלענערע איינצעלנע הייזער, און סיי פון גרעסערע דעוועלאָפּמענטס - שטייענדיג אין אַ צייט וואָס די ווילעדזש גרעניצן בליען און שפּרייטן זיך אויס מיט אַ ברייטע אויסוואַל פון רחבות'דיגע דירות פּראָיעקטן פאר אחבנ"י, הולך וגדול עד כי גדל מאוד.

דער קאָנפערענץ - וואָס איז אייגנטליך שוין די פערטע אַזאַ סאָרט זיצונג דורכאויס די לעצטע צוויי יאָר - האָט געדינט אַלס פּאַסיגע פּלאַטפּאָרמע צו פּרעזענטירן נייע פאָרשריט און פאַרבעסערונגען, וואָס וועלן ערמעגליכן צו פאַרשנעלערן און מאַכן מער צוגענגליך די פּראָצעדורן פון פּלענינג; אפּליי'ען; באַקומען פערמיטן; און באַגלייטן די פּראָיעקטן, מיט אַ געניטן סיסטעם, און מיט אַן אָפענעם קאָמוניקאַציע ליניע, בשעת מ'לייגט אַ באַזונדערן דגוש צו פאַרזיכערן די באַקוועמליכקייט און דאָס רואיגע טאָג טעגליכע לעבן פון די תושבים.

## דיגיטאַלע CRDC זיצונגען, צו פאַרשנעלערן פּערמיטן

דערביי איז געמאָלדן געוואָרן די באַגריסנדע אַנטוויקלונג, אַז דער ווילעדזש וועט אין די נאָענטע וואָכן לאָזן אין גאַנג אַן אָפּדעיטעט וועבזייטל, ספּעציעל געאייגנט פאר די CDRC מיטינגען.

ביז היינט האבן דעוועלאָפּער געדאַרפט ווארטן פאר דער חודש'ליכער מיטינג צו אַריינגעבן אַפּליקאַציעס און פּלענס, אַזוי אַז ס'האָט גענדויערט עטליכע וואָכן ביז ס'ווערט איבערגעקוקט און באַשטעטיגט. אָבער אַצינד, מיט'ן נייעם סערוויס, וועט מען קענען אפּלאודן די CDRC אפּליקאציעס צו יעדע צייט אויפ'ן אויטאָמאַטישן סיסטעם, און אַ שטאַב פון פּראָפעסיאָנאַלן וועלן איבערקוקן אַלע דעטאַלן פלינקערהייט, מיט'ן ציל אַז דאָס מאַקסימום צייט פאר אַן אַנטוואָרט זאָל נישט געדויערן מער ווי דרייסיג טעג.

## וויכטיגע מאָסנאַמען לטובת תושבי העיר

ס'איז אויך פּרעזענטירט געוואָרן וויכטיגע טוישונגען אין די RB זאָונינג קאָוד, וואָס וועלן פילפאַכיג פאַרבעסערן דעם כאַראַקטער און דעזיין פון הייזער אינעם ווילעדזש, און ס'וועט גלייכצייטיג ברענגען מער ווערד און 'וועליו' פאר די איינוואוינער וואָס אינוועסטירן צו איבערבויען זייערע הייזער.



די ווילעדזש רעפּרעזענטאַטן האָבן אַרויסגעהויבן די שטאַרקע פאַרלאַנג זיך צו רעכענען מיט די הונדערטער תושבים און שכינים, ווי משפּחות מיט קינדער דרייען זיך אָפט אויף די גאַסן. ס'איז קלאָרגעשטעלט די מאָסנאַמען וואָס איז גילטיג ביי אַלע קאָנסטרוקציע פּראָיעקטן, אַז מ'זאָל נישט עפענען די סייטס בעפאָר אַכט אַזייגער אינדערפרי און אַז אַלע אַרבעט דאַרף זיין געענדיגט שפּעטסטנס זעקס אַזייגער נאָכמיטאָג, כדי נישט צו




שטערן די טאָג טעגליכע לעבנסשטייגער פון די איינוואוינער, און נישט צו ברענגען גערודער אין די רואיגע אינדערפרי און אָווענט שטונדן.

גלייכצייטיג איז ערוועגט געוואָרן דאס געזעץ אַז קאָנסטרוקציע סייטס זאלן געהאַלטן ווערן זויבער און ריין; ס'זאָל נישט אַרויסגיין קיין מאַראַסט און זאַמד צו די אַרומיגע שטחים; און ס'זאָל נישט ווערן פּאַרקירט קיין דאמפּסטערס אָדער שווערע עקוויפּמענט אויף די אַרומיגע גאַסן. כדי צו ערמעגליכן אַ רואיגע טראַפּיק פלוס פאר קאַרס און סקול באָסעס.

עס איז נאכאמאל באַטאָנט געוואָרן אַז דער ווילעדזש וועט אינפאָרסירן דעם דעת תורה ופסק הלכה מטעם די רבני העיר שליט"א, אַז פרייטאָג נאָכמיטאָג דארף יעדע קאָנסטרוקציע סייט ווערן פולקאָם פאַרמאַכט שוין צוויי שעה בעפאָר'ן זמן פון כניסת השב"ק, אָן קיין שום אויסנאַמען.

## מ'דאַנקט אויפ'ן עבר, מיט אַ ברייטע וויזיע אויפ'ן עתיד

אויפ'ן אָרט איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן פאַר די דעוועלאָפּער און אינוועסטירער, די העכסט פּאָזיטיווע פארשריט און אָפּדעיטס אַנבאַלאַנגט דעם וואַסער און סוער סטאַטוס אינערהאַלב די ווילעדזש גרעניצן, וואָס גאַלאָפּירט בעז"ה פאָראויס להרחיב גבולי הקדושה.

דורכאויס דעם זיצונג איז געווען אַ געלעגנהייט צו פארלייגן פראַגעס פאר די ווילעדזש אַדמיניסטראַציע וועלכע האָבן זיך אָפּנהאַרציג אויסגעשמועסט בנוגע פאַרשידענע דעטאַלן וויאַזוי דער ווילעדזש קען בעז"ה זיין בייהילפיג פאר בוי פּראָיעקטן בהוה ובעתיד, צו ערמעגליכן די אויסברייטערונג פון דירות פאר אחבנ"י מיט הרחבת הדעת.

צום שלוס האָבן די פאָרשטייער פון דער יו. דזשעי. סי. אויסגעדרוקט אַ טיפן הכרת הטוב פאר די חשוב'ע דעוועלאָפּער און אינוועסטירער, וואָס זענען די רוקנביין פון דער ווּאויל באַקאַנטער 'קופּת עירינו'. ווען עס ווערט פאַרטיילט איבער א פערטל מיליאָן דאָלאַר, סיי אום ניסן און סיי אום תשרי צו לעכטיג מאַכן די שטיבער פון פילצאליגע תושבי העיר, תשואות חן חן להם.

דער ווילעדזש צילט בעז"ה צו אָנהאַלטן און דורכפירן ענליכע קאָנפערענצן יעדע עטליכע מאָנאַטן, צו פאַרזיכערן אַז ס'איז שטענדיג פאַרהאַן אן אָפענע ליניע - שמוע בין אחיכם, אַז די אויפבליה און אויסברייטערונג פון אונזער באַליבטע שטאט, זאָל פאָרזעצן מיט די העכסטע סטאַנדאַרטן פון אחריות און סדר, מיט אַ אידיש האַרץ און געפיל, און מיט אַ קראַנטע און אַקוראַטע וויזיע אויף פאָראויס, לטובת הכלל והפרט.

**ונבנתה עיר על תילה! ובשם ה' נעשה ונצליח!**

## הרחבת גבולי הקדושה אפדעיט

# מבצר הישיבות ויואל משה דסאטמאר

ישיבה קטנה ויואל משה דסאטמאר ערייכט פערמיטן אנצוהייבן דעם ערשטן בנין אויפן שטח מבצר הישיבות.

דעם פארגאנגענעם אלול האט די הנהלת ישיבה קטנה פון מוסדות ויואל משה דסאטמאר בשעה טובה ומוצלחת געשלאסן מקח אויפ'ן שטח הענקי אויף פראספעקט ראוד, קעגן איבער שכונת פראספעקט גארדענס, און שוין ביז געציילטע טעג האט מען אריינגעגעבן די אפליקאציעס פאר פערמיטן צו אנפאנגען בויען דעם ערשטן בנין פונעם גרויסארטיגן מבצר הישיבות.

אצינד בין כסא לעשור, מארשירט די ארבעט פאראויס מיט'ן פולן טעמפא ווען עס ווערט אין די טעג געגאסן די פונדאמענט און תיכף דערויף הייבט מען אן די פרעימינג פונעם סטרוקטור.

דער בנין וועט פלאצירן איבער צוויי הונדערט בחורים בהרחבה גדולה, פולקאם צוגעגרישט מיט א מקוה מפוארה און נאך צוגעהערן, אז די בחורים זאלן קענען זיצן און הארעווען על התורה ועל העבודה מיט הרחבת הדעת.

דאס איז דער ערשטער בנין אויף דעם שטח מבצר הישיבות פון מוסדות ויואל משה, דער מייסטער פלאן פון דעם שטח שטעלט פאר א מעגליכקייט פון סך הכל אכט אזעלכע בנינים ברבות הימים, ווי עס איז ערווארטעט אז אלע דריי ברענטשעס פון אלע דריי יארגענג פון די ישיבה וועלן זיך אריינציען אויף דעם שטח אין די קומענדיגע יארן.

ובשם ד' נעשה ונצליח להרחיב גבולי הקדושה, להגדיל תורה ולהאדירה,





## הרחבת גבולי הקדושה אפדעיט

# טשעסטנאט פלאזא ביזנעס צענטער



דער גראנדיעזער טשעסטנאט פלאזא ביזנעס צענטער האט ערהאלטן סייט פלען עפראוועלס פון די ווילידזש פלענינג באורד.

דער פראיעקט געפונט זיך אויף סטעיט ראוט 208 אויפן קארנער פון די נייע טשעסטנאט ראוד, קעגן איבער רעד בוירד דרייוו.

דער ביזנעס צענטער באשטייט פון צוויי בנינים פון פיר שטאק, מיט פארקינג ספאטס בהרחבה גדולה.

טשעסטנאט פלאזא רוקט זיך אצינד פאראויס צום פערמיט שטאפל בעזרת השם יתברך ובשעה טובה ומוצלחת

## הרחבת גבולי הקדושה אפדעיט

# שיכון צאנז-זמיגראד

בעזרת השם יתברך ובשעה טובה ומוצלחת הייבט זיך אן אצינד די מלאכת הבנייה פון שיכון צאנז זמיגראד אין די קעפיטאל הילל אומגעגנט, וואו דער ווילידזש האט שוין אפראווד דעם סייט פלען פאראיאר אום חודש אדר, און אצינד נאך וואס אלע פלענס פאר די סטרוקטורן זענען פארטיג געווארן פאנגט מען אן די סייט-ווארק צו עפענען דעם גראונד און אנפאנגען די מלאכת הבנייה.

בכדי שלא יבוטל התמיד, אז דאס בית המדרש וואס איז א תל תלפיות אין די וואכן און אין די שבתים און אז די תפילות און לעכטיגע טישן פון כ"ק אדמו"ר מ'צאנז זמיגראד שליט"א זאל קענען ווייטער אנגיין תמידין כסדרן, איז באשטימט געווארן אז צוערשט וועט מען בויען דעם נייעם בית המדרש המפואר משולב מיט די דירה פרטי ביתו נאוה קדשו פון כ"ק אדמו"ר מ'צאנז זמיגראד שליט"א, און נאכדעם וואס ס'וועט זיין כלול ומשוכלל און גרייט צום באנוץ, ערשט דעמאלטס וועט מען צונעמען די יעצטיגע שול.

דער ערשטער שטאפל וועט זיין צו אינסטאלירן דעם נייעם ראוד - צאנז זמיגראד לעין צו קענען אנקומען צום יעצטיגן ביהמ"ד ביז פענסילוועניע עוו., און נאכדעם וועט מען אנגרייטן די יסודות פארן נייעם בנין דארט וואו ס'איז אצינד דער יעצטיגער דרייוועי וואס ווערט באנוצט דורכן ציבור.

דעם פארגאנגענעם חמשה עשר באב, איז כ"ק אדמור מ'צאנז זמיגראד שליט"א וואס משכנו בתוכינו דורכאויס די זומער חדשים, פערזענליך געקומען אין באגלייטונג פון די ווילעדזש באאמטע זיך צו טרעפן אויפ'ן סייט מיט די בעלי מלאכה והעומדים על גבם צו איבערגיין די לעצטע דעטאלן איבערן נייעם בית המדרש המפואר שמשם תצא תורה ויראה און איבער דעם שיכון, דער רבי האט געוואונטשן ברכת קדשו פאר די קאנטראקטער ר' שמעון געלאנדויער פון שימי'ס ענטערפרייסעס און מו"ה יושע ביטמאן מחשובי העסקנים לכל קדשי בלומינג גראוו - טשערמאן פונעם זאונינג באורד, מבעלי הפירמא באקעט ענטערפרייסעס און פאר די אלע עסקנים וואס העלפן ארויס.

גדול יהיה כבוד הבית הזה לתפארת העיר, להרחיב גבולי הקדושה, להגדיל תורה ולהאדירה, ולנצח על מלאכת בית ה'.









# ערשטע גאס פאר'ן סיידוואלק פראיעקט אפיציעל באשטימט

בעזהשי"ת א פריידיגע אנטוויקלונג אינעם סיידוואלק פראיעקט, נאכן ערהאלטן צוויי מיליאן דאלער אין פעדעראלע פאנדינג, וואס איז ערמעגליכט געווארן דורך אונזער חשוב'ן קאנגרעסמאן פעט רייען.

אלס דער נעקסטער שריט אינעם פראיעקט איז אפיציעל באשטימט געווארן דועלק עוו. אין די ווארלי הייטס אומגעגנט אלס די ערשטע גאס וואו די נייע סיידוואלקס וועלן אינסטאלירט ווערן.



לויט'ן יעצטיגן פלאן וועט די ארבעט זיך אנהייבן אויפ'ן אינעוויינינגסטן זייט פון די גאס, און לויט די פאנדינג און די בודזשעט פונעם פראיעקט וועט די ווילעדזש ווייטער ממשיך זיין מיט'ן בויען אויך אויפ'ן דרויסנדיגן זייט, ביז'ן פארענדיגן דעם גאנצן פראיעקט.

וואו האלט דער סיידוואלק פראיעקט יעצט?

**פאזע 1 — פאנדינג באשטעטיגט:** איבער צוויי מיליאן דאלער אין פעדעראלע פאנדינג **אפיציעל באשטעטיגט.**

**פאזע 2 — אויסוואל פון גאסן:** דועלק עווענוי איז **אפיציעל באשטימט** אלס די ערשטע גאס פאר דעם פראיעקט.

**פאזע 3 — דעזיין און אינזשענירונג:** די ווילידזש אינזשענירן גרייטן זיך אנצוהייבן די ארבעט אויף די פונקטליכע פלענער, אריינגערעכנט אויסברייטערן דעם ראוד, דרעינעדזש, קעטש בעיסינס, פייער היידרענטס און סטריט לייטס.

**פאזע 4 — בוי-בודזשעט:** דער פונקטליכער קאסטן-אפשאצונג וועט צוגעגרייט ווערן.

**פאזע 5 — ארויסגיין אויף בידס:** נאכן פארענדיגן די פלענער און בודזשעט וועט דער פראיעקט ארויסגיין אויף בידס צו אויסקלייבן די קאנטראקטאָרס.

ווי נאר די קומענדיגע פאזעס ווערן פארענדיגט, וועלן מיר מעלדן די גענויע סקעדזשועל ווען מען הייבט אן פאקטיש בויען בשטו"מ.



בס"ד

VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE

811 Route 208, Monroe NY 10950 | 845-782-2600 | sbgny.gov

## פרייליכע מעלדונג

# טראנספארטאציע אפדעיט

### צווייטער שאטל איז אריין אין קראפט

די באס פראבע גייט אצינד צו נעקסטן שטאפל, און דער צווייטער באס איז שוין אצינד אריין אין דינסט לטובת תושבי העיר.

דער סקעדזשועל און די סטאפס פארבלייבן אויף דערווייל די זעלבע, מיטן חילוק אז אצינד וועלן די באסעס פארן פער האלבע שעה אזוי אז עס איז דא יעדע האלבע שעה א באס.

טאון אוו מאנראו שאטל באס פארט פון 9:00 אינדערפרי יעדע שעה, די לעצטע טריפ פארט ארויס אום 4:00 נאכמיטאג.

די ווילעדזש שאטל באס פארט פון 9:30 אינדערפרי יעדע שעה, די לעצטע טריפ פארט ארויס אום 6:30 אזייגער נאכמיטאג

**די שאטעל באס טרעקינג סיסטעם איז אצינד אין קראפט.**

צו הערן ווי די טאון אוו מאנראו שאטל איז רופט:
845-783-6222 EXT 5

צו הערן ווי די ווילעדזש שאטל איז רופט:
845-782-2600 EXT 600
און פאלגט נאך די אינסטרוקציעס.

דער ראוט וועט ווערן אפדעיטעט אויף ראש חודש חשון, זונטאג אקטאבער 11 למספרם.

פאלגט נאך די ווייטערדיגע מודעות.

הצלחה וברכה!
ווילעדזש טראנספארטאציע דעפארטמענט

## פרייז:

**$2.00 פער וועג**

מען וועט נאר קענען באצאלן מיט קעש, ביטע מאכט זיכער צו האבן די פונקליכע סכום.



# ומתקנים את הדרכים - מענזשין ראוד, שכונת קעפיטאל הילל

מענזשין ראוד גייט אריבער א טראנספארמאציע, עס איז געווארן אינסטאלירט א סטריט לייט אויפן קארנער פון מעריוואלד לעין סאוט און מענזשין ראוד, ווי באקאנט איז דאס א גאר טונקעלער אינטערסעקשאן, און עס פלעגט זיין גרויסע סכנות ביים דורכגיין דארטן, ספעציעל דורכאויס די שבתים ווען מען זעט נישט וואו מ׳גייט, ס׳איז נישטא אפילו קיין קארס וואס זאלן באלייכטן.

ווי אויך ווערט איבערגעפלאסטערט דער שארטקאט צווישן גרין ראוד און מענזשין ראוד.

ווי אויך ווערט דער חלק ראוד צווישן רוט 208 און פיין הילל ראוד אויסגעברייטערט און דער שארפער דריי ווערט עטוואס אויסגעגליכן, און דערנאך פריש איבערגעפלאסטערט.

דער דעוועלאפער מו"ה ר׳ נחום לעבאוויטש ני"ו וואס שטייט שטענדיג הכן ומסור בלו"נ להרחיב גבולי הקדושה דאהי האט אויף די אייגענע איניציאטיוו זיך אונטערגענומען די קאסטן פון די אלע פארבעסערונגען אן דעם וואס דאס זאל פאלן צו לאסט אויפן ווילעדזש בוזשעט וואס ווערט געדעקט דורך די שטייער צאלער.

# דרינגענדע סעיפטי קאנפערענץ אפגעהאלטן מיט די דרכי יושר באס דרייווערס

א גאר וויכטיגע קאנפערענץ איז פאררופן געווארן דורך די UJC, די ווילידזש, און די בלומינג גראוו פאליציי, אלס חובת השתדלות און צו זיין פרא-אקטיוו, און נישט ווארטן ביז ס׳קומט חס ושלום צו א טראגעדיע, נאך די טרויעריגע געשעענישן וואס האט לעצטנס פאסירט.

ביי די אסיפה האט מען איבערגעשמועסט וויאזוי נאכמער צו פארבעסערן און פארשטערקערן די סעיפטי פראטאקאלן, און ווי אויך האט מען גרונטליך דורכגעטון א צאל קאמפלעינטס פון די לעצטערע חדשים איבער סעיפטי פארנאכלעסיגונגען, וואס איז א סכנה סיי פאר די קינדער וואס פארן אויף די באסעס, און סיי פאר די קינדער וואס ווארטן אויף די באסעס אדער זענען אויפ׳ן ראוד.

די פאליציי מיט׳ן באגאבטן אינסטראקטור מו"ה זלמן לייב אפפעל האבן אוועקגעשטעלט און איבערגעגאנגען די גאר וויכטיגע כללים פון סעיפטי און זיכערהייט און די רעגולאציעס ביים דרייוון די באסעס מיט די קינדער, און די פאליציי האט געמאלדן אז זיי וועלן אינפארסירן די סעיפטי רעגולאציעס מיט א שטייפע האנט.

די דרכי יושר פירמע האט אויסגעדריקט גרייטקייט און קאאפעראציע פאר די זיכערהייט פון די טייערע קינדערלעך.

מיר האפן אז מיט די השתדלות זאל מען האבן אויפגעטון, און עס זאל חס ושלום נישט זיין קיין הזיקות און מכשולות און עס זאל מקוים ווערן די ברכה "כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך".



# מעריוואלד וואסער פילטרעישאן פלענט גייט אריבער ברייטע אפגרעידס

די ווילידזש וואסער דעפארטמענט טוט אצינד אפגרעידן די מעריוואלד פילטרעישאן פלענט, וואס געפינט זיך אין שכונת קעפיטאל הילל, מיט נייערע טעכנאָלאָגיע און פיל מער פארגעשריטענע באשטאנדטיילן און מעגליכקייטן ווי ביז יעצט צו קענען נאכקומען דעם פילפאכיג פארגרעסערטן באנוץ און נאכמער.

דער מעריוואלד פילטרעישאן פלענט איז געבויעט געווארן דורך די פאריגע ווילעדזש אדמיניסטראציע אויף א גאר קליינעם פארמאט, נאר גענוג צו באדינען די איינוואוינער פון דעם ווילעדזש אין די פריע צענערלינגען יארן למספרם, און אן קיין שום וויזיע פון גרעסערע פאמיליעס, פרישע רעזידענשאל און קאמערציעלע דעוועלאפמענטס און געבראויכן.

דער פילטרעישאן פלענט איז דעריבער געווען היבש אנגעשטרענגט אין די לעצטערע חדשים מיט די געוואלדיגע העכערונג אין באנוץ, און עס איז ווי פארשטענדליך ערווארטעט נאכמער ארויפצוגיין אין צוגאב צו דעם מיטן ארייינרעכענען די פילע משפחות וואס ציען זיך אהער מידי שבוע בשבוע, כן ירבה.

די אפגרעיד טוט עררייכן צוויי צילן, צום ערשטנס: די נייע חלקים טוען א פיל בעסערע ארבעט מיטן פארבעסערן די קוואליטעט פון די וואסער, והשנית: אין צוגאב צו די פילטרעישאן מעגליכקייטן קען עס אויך באהאנדלען איבער דאפלט דעם סכום -גאלאן פער מינוט- וואסער פון וואס עס לויפט אצינד דורך דעם פילטרעישאן פלענט.

דער אפגרעיד איז א פראצעדור וואס נעמט עטליכע וואכן, דורכאויס די צייט, קען זיין טעג וואס די וואסער וועט נישט זיין 100% קלאר, וויבאלד עס נעמט ביז ווילאנג מען טוט קאליברירן, צופאסן און טעסטן דעם נייעם פילטער סיסטעם אז עס זאל ארבעטן הונדערט פראצענטיג.




זייט אינפארמירט!
זיך אויפצוסיינען צו באקומען די ען. זשעי. סי. טעקסט, אימעיל, און טעלעפאן אלערטס און אפדעיטס
ביטע טעקסט צו:
845.237.4828
אייער סעל נומער
און אימעיל אדרעס

# ווילעדזש ברייטערט אויס דעפארטמענט און פאבליק ווארקס פלאטע

אין די פארגאנגענע יארן זינט עס האט זיך געטוישט די ווילידזש אדמיניסטראציע, און קומענדיג פון א קליינעם פארמאט מיט בלויז עטליכע הונדערט אדרעסן פלעגן רוב פון די פובליק סערוויסעס ווערן ארויסגעגעבן פאר סוב-קאנטראקטארס, אנגעפאנגען פון שארן די שניי, פאררעכטן די ראודס, און פילע אנדערע מעינטענענס אויפגאבן.

די ארבעט פלעגט ארויסגעגעבן ווערן קודם צו דעם טאון און בלומינג גראוו, און נאכדעם פאר אביסל א גרעסערע קאמפאני וואס קען עס באהאנדלען פראפעסיאנאל, פונקטליך און שנעל אין פאל פון אן עמערדזשענסי.

ברוך השם, עס איז נתרבה ונתרחב גבולי הקדושה, און ס'איז צוגעקומען פילע איינוואוינער, עס בויען זיך יעצט פרישע הונדערטער הייזער אינעם ווילעדזש, און ס'איז געקומען די צייט ארויסצוואוקסן פון די קינדער שיך און אנפאנגען געהעריג אויפצובויען אן אייגענעם דעפארטמענט וואס זאל זיין אין טשארדזש פון די אלע פובליק סערוויסעס, אזויווי א געהעריג אהערגעשטעלטע מוניציפאליטעט מיט אלע פיטשעווקעס, איז אצינד, אין צוגאב וואס מ'האט צוגעבויעט דעם פאבליק ווארקס גאראזדש און עס דערנאך שוין אויסגעברייטערט פאראיאר, האט די ווילעדזש געקויפט צוויי פרישע טראקס וואס זאלן שטיין צו דינסט פאר די דעפארטמענט און פאבליק ווארקס פאר די טעגליכע אויפגאבעס, און ווי אויך דורכאויס די ווינטער און אין זומער סעזאנען, און אין פאל פון עמערדזשענסיס.

צו די זעלבע צייט נעמט יעצט די ווילידזש אויף א ברייטערע שטאב פובליק ווארקס ארבעטער וואס זאלן ערזעצן די ארבעט וואס פלעגט ביז יעצט ווערן ארויסגעגעבן פאר דרויסנדיגע קאמפאניס און סוב-קאנטראקטארס.



## אם תשיב משבת רגליך עשות חפציך ביום קדשי


קריאה נחוצה
למען כבוד ושמירת שבת קדשינו

בקריאה נחוצה למען כבוד ד' ותורתו הקדושה ולמען שמירת שבת קדשינו, שלא יתחלל ולא יבוא לידי תקלה ח"ו במלאכת הבניה ברחובות העיר

לעמוד על משמרת השבת, להפסיק מלאכת העבודה, לעזוב ולסגור כל שטח הקאנסטראקש"ן בערבי שבתות וימים טובים לכה"פ שתי שעות קודם זמן הדלה"נ

ווי מיר שטייען אצינד אין די וואכן ווען דער זמן הדלקת הנרות ווערט קורצער און קורצער, מיט בערך צען מינוט פער וואך, און עס איז מער שכיח ספעציעל ביי די קאנסטראקשן סייטס, אז די נישט-אידישע סאב-קאנטראקטארס זאלן זיך פארזוימען אויפן ארט גאר נאנט צום זמן כניסת השבת, טוען מיר דעריבער נאכאמאל ארויסקומען מיט דעם קול קורא למען כבוד ושמירת השבת אונטערגעשריבן דורך די רבני העיר אלס א דערמאנונג זיכער צו מאכן על פי פקודת הרבנים, אז די קאנסטראקשן סייטס ווערן פארמאכט געענוג אין צייט בעפאר'ן זמן.

דער ווילעדזש וועט עס אינפארסירן למען כבוד וקדושת השבת.

ואלמלא שמרו ישראל שתי שבתות מיד היו נגאלין!

בס"ד

קינדערלאנד

KINDERLAND

# פרייליכע מעלדונג

חשוב'ע איינוואוינער שיחי'

אין די פארשריט לטובת די באנוצער פונעם פארק איז צוגעשטעלט געווארן

# בית הכסא אינעם פארק

און וועט זיין גרייט צום באנוץ טעגליך

**פון 10:00 צופרי ביז 8:00 אזייגער אווענט**

אזוי אויך איז צוגעלייגט געווארן נאך פילע

# גארבעדזש קענס

**ביי אלע געזיבאוס, און לענגאויס דעם פארק**

אנצוהאלטן א ריינע געשמאקע און זויבערע אטמאספער

**מיר בעטן אייך זיכער צו מאכן אז ווען איר לייגט אריין די שמוץ אז עס זאל זיין נאר אינעם גארבעדזש קען און נישט דערנעבן אויף די גראז.**

ביטע אויך זיכער מאכן נאכצורוימען די קינדער, אזוי אז יעדער צוגלייך זאל קענען הנאה האבן פון א ריינע, פרישע און זויבערע פארק.

**א דאנק**

VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE

# ברכת מזל טוב

## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

### מעגל השנה - ניסן תשפ"ד - אדר תשפ"ה

**כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד** שליט"א
לרגל נישואי נכדתו ותגלחת נכדיו למז"ט

**הגה"צ** מו"ה **יצחק מרדכי מייזעלס** שליט"א
**אבד"ק ראדאוויץ**
לרגל נישואי נכדו והכנסת נכדו לעוהתומ"צ
למז"ט

**הרה"ג** מו"ה **אלעזר טייטלבוים** שליט"א
**ראה"כ תורה ויראה קליימער**
לרגל אירוסי בנו למז"ט

הרה"ג ר' **מנחם נתנאל יונגרייז** שליט"א
**דומ"ץ בית יעקב ד'קיט"ל דסאטמאר**
לרגל אירוסי בתו למז"ט

הרה"ג ר' **שמואל לייטנער** שליט"א
**דומ"ץ בנין יאקאבאוויטש ד'קיט"ל ד'סאטמאר**
לרגל הולדת בנו למז"ט

הרה"ג ר' **יודל הורוויץ** שליט"א
**הרב ממעליץ בלומינג גראוו**
לרגל נישואי בתו למז"ט

הרה"צ ר' **יושע מרדכי לייפער** שליט"א
**אדמו"ר מבאניע נדבורנא**
לרגל הולדות נכדו למז"ט

הרה"ג ר' **יואל מייזעלס** שליט"א
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

הר"ר **יצחק אייזיק ראטטענבערג** הי"ו
**אב"ד קאזעווע**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' **אברהם בער יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי והולדת נכדו ונכדתו למז"ט

ר' **שמשון אליעזר מינץ** הי"ו
לרגל אירוסי נכדתו ונישואי נכדו ונכדתו והולדת
נינו ונכדתו ותגלחת נינו ונכדו למז"ט

ר' **דוד לייבוש יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי נכדיו והכנסת נכדו לעוהתומ"צ

ר' **יודל נאה** הי"ו
לרגל הולדת ניניו ונכדיו למז"ט

**משה דוד ווייסבערג** הי"ו
לרגל נישואי נינו והכנסת נינו לעוהתומ"צ

ר' **שלמה אפרים סאנדעל** הי"ו
לרגל הולדת נכדו והכנסת נכדו לעוהתומ"צ

ר' **שלמה דוד גרינהוט** הי"ו
לרגל נישואי נכדו למז"ט

ר' **יוסף סאנדל** הי"ו
לרגל תגלחת נכדו למז"ט

ר' **חיים משה בינער** הי"ו
לרגל אירוסי נכדיו למז"ט

ר' **בנציון פריעדמאן** הי"ו
לרגל נישואי נכדו והכנסת נכדו לעוהתומ"צ

ר' **אלעזר ווייס** הי"ו
לרגל נישואי נכדתו והכנסת נכדו לעוהתומ"צ

ר' **דוד ווייס** הי"ו
לרגל הכנסת נכדו לעוהתומ"צ

ר' **אברהם משה ווייס** הי"ו
לרגל נישואי נכדו והכנסת נכדו לעוהתומ"צ

ר' **שמואל הערש ווייס** הי"ו
לרגל הולדת נכדו ונכדתו למז"ט

ר' **עמרם נתן פעלבערבוים** הי"ו
לרגל הולדת נכדיו למז"ט

ר' **משה קרויס** הי"ו
לרגל הולדת נכדו ונכדתו והכנסת בנו
לעוהתומ"צ ותגלחת נכדו למז"ט

ר' **חיים גליק** הי"ו
לרגל נישואי בתו ותגלחת בנו והולדת נכדתו
למז"ט

ר' **יואל שווארטץ** הי"ו
לרגל נישואי בנו והכנסת בנו לעוהתומ"צ
והולדת נכדו למז"ט

הר"ר **יעקב מנחם מערמעלשטיין** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **שלמה יקותיאל הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **נסים סאאל** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **חיים ארי' שווארטץ** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **יואל סאאל** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **יוסף לעווי** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **לוי גרינבלאט** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **מענדל בער נאה** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **ישראל קעללער** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **יואל** (בר"ב) **טייטלבוים** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **אהרן מאנדל** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **יואל יקיר פריעדמאן** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **אברהם יצחק מערץ** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **שמעון ראזענבוים** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **יעקב יצחק ליכטענשטיין** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

הר"ר **בערל מרגליות** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **נפתלי הירצקא וואללנער** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **יואל** (בראו"ל) **פעקעטע** הי"ו
לרגל אירוסי בנו והולדת נכדו למז"ט

ר' **יושע צבי טירנויער** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **שלמה חיים פילאפף** הי"ו
לרגל אירוסי בתו והולדת נכדו למז"ט

ר' **אליעזר זאב שטעסל** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **יואל ברוין** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **מנחם זאב קליינמאן** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **יוסף שאול בוכינגער** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **יואל פעקעטע** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **שמעון ניימאן** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **משה פריעד** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **אהרן ראזענבערג** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **יעקב טייטלבוים** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **משה מנחם הורוויץ** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **פישל גאלדשטיין** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **לייב ראזנער** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **יואל הירש** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **יואל אבראמאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **אברהם קלעפנער** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **אברהם פריעדמאן** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **אליעזר ווייס** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

הר"ר **בערל ראזענבערגער** הי"ו
לרגל נישואי בתו והולדת בתו למז"ט

ר' **יואל רובינשטיין** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **משה יואל פעקעטע** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **נחום יואל שטערנפעלד** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **נתן קרפיל מרגליות** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **אהרן נחום קאהן** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **אברהם חיים כהן** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יהוסף שווארץ** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **אברהם יצחק הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יואל יקיר פריעדמאן** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **נחמן לייפער** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יעקב אלימלך אייזענבערג** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

משפ' ר' **שלמה הערש עקשטיין** ז"ל
לרגל נישואי בתו והולדת הנכדה למז"ט

ר' **משה יודא אקערמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שמעי' שפיטצער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **משה גאלדבערגער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **חיים שאלילאף** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **מרדכי יצחק בלום** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אלי' ניימאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **ברוך גוטמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אברהם יוסף שטעסל** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אהרן ווערצבערגער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **חיים ברוך יואל דיימאנט** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אלימלך היללער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יוסף צימערמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **וועלוול גאלדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יואל ברוך באש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **הערשל לעווי** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יצחק פנחס עסטרייכער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אהרן הערש בלום** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שמעון שפיגעל** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יואל בינער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **חיים זאפיר** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יצחק צבי טעגענבוים** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **מאיר רוטנער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **משה לייב דייטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **נחום צבי אריה שטערנפעלד** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **נחום יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **משה ארי' ג'ברא** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **הערשל פרידריך** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שמחה שטיין** הי"ו
לרגל הולדת בנו והכנסת בנו לעווהתומ"צ

ר' **יעקב יצחק קעסטענבוים** הי"ו
לרגל הולדת בנו והכנסת בנו לעווהתומ"צ

ר' **משה דוד פערענץ** הי"ו
לרגל הולדת בנו והכנסת בנו לעווהתומ"צ

ר' **יצחק עקשטיין** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **מאיר מרדכי גראס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

המשך

# ברכת מזל טוב

מעגל השנה - ניסן תשפ"ו - תשרי תשפ"ז

מאיר שמואל היימליך הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' יואל (בר"ע) אבערלאנדער הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' יצחק פייערוועקער הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' גבריאל חיים ברים הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' יצחק מרדכי האלפערט הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' יואל קאהן הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' משה אלי' טייטלבוים הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' זאב פאזנער הי"ו
לרגל הולדת בנותיו התאומות למז"ט

ר' יהודה אסא הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' וואלף מארקאוויטש הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' דוד שפיטצער הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' משה שניצער הי"ו
לרגל הולדת בתו והכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' יצחק פנחס ווייסמאנדל הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' יעקב מאיר סטרולאוויטש הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' שמעון ניישטאט הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' יואל ברוך ווינער הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' מנחם נחום ברוינער הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' משה וויינבערגער הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' משה אקער הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' שלמה יודא איידליס הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' יוסף דוד קויפמאן הי"ו
לרגל הולדת בתו והכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' יוסף אלי' האראוויץ הי"ו
לרגל הולדת בתו והכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' יואל שטערן הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' גדלי' פעלדמאן הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' יצחק פעלדמאן הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' טובי' בראווער הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' לייבל קופטשיק הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' יואל הערש שעהר הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' אברהם קעלללער הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' יואל זילבערשטיין הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' יוסף דוד קויפמאן הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' נחמי' הערצאג הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' שלמה זלמן ווייס הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' אשר זאב גוטמאן הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' יצחק פייערווערקער הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' אלימלך דוב אראן הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' ציון עובדי' מאסרי הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' משה מנחם פאלקאוויטש הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' שלמה פריעד הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

הר"ר מאיר שמילאוויטש הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' ברוך שאהנפעלד הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' אברהם שלום שווארטץ הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' יצחק אייזיק ראזענבערג הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' אברהם לאקס הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

**יזכו כולם לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת**

# שנה טובה ומתוקה!

בפרוס עלינו שנה החדשה אנו מאחלים לכל הקהל הק׳
אנשי שלומינו תושבי העיר

**שנה טובה ומתוקה • שנה של שמחה, ברכה, הצלחה מרובה וסייעתא דשמיא מתוך בריות גופא ונהורא מעליא • שנה של הרחבת גבולי הקדושה • שנה פורצת גבולות לטב ולחיין • שנה של אושר ועושר • שנה של נחת, שמחת החיים ומנוחת הנפש והרחבת וישוב הדעת • שנה של אהבה ואחוה ושלום וריעות • שנה מלא השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות בכלליות ובפרטיות**

**ושימלא ד׳ כל משאלות לבנו לטובה**
**אמן וכן יהי רצון**

המברכים באמונה ובאהבה
כתיבה וחתימה טובה
**איחוד הקהילות בלומינג גראוו**

United Jewish Community of Blooming Grove
Est. 2019

United Jewish Community
UJC
Est. 2019
of Blooming Grove

UNITED JEWISH COMMUNITY
OF BLOOMING GROVE

29 Merriewold Ln S, Monroe, NY 10950 • Phone: (845) 237-4828

PUBLIC NOTICE

# ולפני עור לא תתן מכשול!

## מיר ווילן אויפמערקזאם מאכן דעם ברייטן ציבור, סיי די איינוואוינער, די בויערס, די אינוועסטירער, און די קונים,

היות מיר באקומען די לעצטע צייט פילע אנפראגעס צו מ'קען בויען אין א בנין זעקס פלעטס אין די RB זאונינג סעקשאן. מיר ווילן קלאר מאכן אז עס איז נישט ערלויבט בשום פנים ואופן! **די מאקסימום יוניטס, דאס הייסט די מאקסימום איינוואוינער אין א בנין אין די RB סעקשאן איז געצוימט אויף פיר יוניטס/איינוואוינער**, און דאס איז שוין אויך נאר נאכן דורכגיין אסאך שתדלנות און שוועריגקייטן אז עס זאל קענען זיין, טראץ די פילע שטערונגען, מסירות און שטרויכלונגען וואס עס איז אדורך.

## די ווילעדזש וועט נישט צולאזן מער יוניטס פון דעם!

**לייגט נישט אייער געלט על קרן הצבי! הערט נישט אויס וואס אייער בראוקער, פליפער אדער קאנטראקטאר פארקויפט אייך, אז איר וועט בויען אומלעגאל נאכן ערהאלטן דעם CO.**

נעמט דאס גוט אין באטראכט: אין **די פארגאנגענע שטיק צייט זענען שוין געווען עטליכע וואס האבן פרובירט דאס צו טון, און עס האט זיך געענדיגט מיט שווערע קנסות פון צענדליגע טויזנטער דאלארן**, חוץ פון דעם וואס די ווילידזש האט זיי געמאכט צונעמען די יוניטס.

## דאס איז א שאד אידיש געלט, והתורה חסה על ממונם של ישראל.

בעזרת השם יתברך, די ווילידזש טוט כל מה שבידינו זיכער צו מאכן שלא יחסר המזג, מען זאל קענען מרחיב זיין גבולי הקדושה און בויען ביד רחבה, **מ'דארף אבער פארשטיין צו דעם אז דאס קומט מיט אן אחריות זיכער צו מאכן אז עס קומט נאך די פארשריפטן פון די זאונינג, פון די קאונטי, און פון די סטעיט, פון די דעפארטמענט אוו העלט, און פון נאך פילע אנדערע רעגולאטארי עידזשענסיס און אויטאריטעטן**, און זייענדיג אונטער א שטענדיגן מיקראסקאפ צוליב די פילע מסירות פון שכנים און גוטע פריינט, זענען מיר געצווינגען אנצוהאלטן און אינפארסירן דאס געזעץ ביז הונדערט פראצענט זיכער צו מאכן אז מ'זאל טאקע ווייטער קענען בויען און מרחיב זיין גבולי הקדושה.

## די ווילידזש וועט שטיין דערויף בכל תוקף, אן קיין שום פרעצעדענטן און אן קיין שום פשרות!!

ולמזהיר ולנזהר שלומים תן כמי נהר

בס"ד

# זייט אינפארמירט!

# האלט מיט מהנעשה והנשמע אין בלומינג גראוו

VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE
ORANGE COUNTY • NEW YORK
EST. 2006

UJC United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove

די **ווילעדזש** שיקט כסדר ארויס **טעקסט אלערטס** צו האלטן דעם ציבור אינפארמירט מיט **וויכטיגע** און **צייטליכע אפדעיטס**, אזוי אויך ווערט געשיקט א וועכנטליכע **אימעיל** מיט **לאקאלע נייעס און מודעות**.

**עס איז ראטזאם און נוצבאר איינצושרייבן אייער סעל נומער און אימעיל אדרעס צו באקומען די אפדעיטס אין צייט.**



ארויפצוגיין אויף די ליסטע שיקט א טעקסט מיט אייער פערזענליכע און משפחה סעל נומער און אימעיל אדרעס צו:

**845.237.4828**
**info@ujcbg.org**

## ברוך אתה בבואך!

היות עס האבן זיך ב"ה אריינגעצויגן פילע משפחות אין די לעצטערע וואכן, און טייל פון די אדרעסן פון די נייע תושבים זענען נאכנישט אפדעיטעד אין די דעטאבעיס,

ביטע לאזט וויסן אייערע נייע שכנים אז זיי קענען ארויפגיין אויף די מעילינג, אימעיל און טעקסט ליסטעס דורכן לאזן א מעסעזדש אדער טעקסטן זייער אינפארמאציע צו 845.237.4828

# ברוכים הבאים

## פאר אלע נייע תושבים וואס האבן זיך אריינגעצויגן אין די פרישע נייע דירות דא אין בלומינג גראוו בחדשי אייר - אלול תשפ"ו

**מו"ה דוד מאיר אייגנער נ"י**
בן מו"ה יקותיאל אלי', וחתן מו"ה יעקב כ"ץ

**מו"ה יואל בוכינגער נ"י**
בן מו"ה יחזקי' וחתן מו"ה שאול יחזקאל פריעדמאן

**מו"ה רפאל בלום נ"י**
בן מו"ה משה חיים וחתן מו"ה יואל גלויבער

**מו"ה אברהם בערקאוויטש נ"י**
בן מו"ה אלטר יודא, וחתן מו"ה משה יודא לעבאוויטש

**מו"ה שלמה זלמן בערקאוויטש נ"י**
בן מו"ה חיים, וחתן מו"ה יצחק לייב ווייס

**מו"ה חיים ברוין נ"י**
בן מו"ה אלי', וחתן מו"ה הערשל סאבאוויטש

**מו"ה מנחם נחום ברוינער נ"י**
בן מו"ה שלו' אליעזר, וחתן מו"ה דניאל פאלאטשעק

**מו"ה שלו' ברעכער נ"י**
בן מו"ה צבי מנחם

**מו"ה אוריאל יוסף גאלדמאן נ"י**
בן ר' דוד שלמה וחתן מו"ה חנא לייב באס

**מו"ה אלתר ניסן גאלדמאן נ"י**
בן מו"ה אוריאל יוסף וחתן יושע עזרא חיון

**מו"ה יושע עזריאל גאלדמאן נ"י**
בן מו"ה ישראל וחתן הרב משה גרינבערגער

**מו"ה אהרן שמואל גאלדשטיין נ"י**
בן מו"ה פישל וחתן מו"ה יואל רובינשטיין

**מו"ה מרדכי גליק נ"י**
בן מו"ה זלמן וחתן מו"ה יצחק שמואל שניצער

**מו"ה חנוך שלו' גפן נ"י**
בן מו"ה זלמן לייב וחתן מו"ה אלי' גליק

**מו"ה משה לייב דייטש נ"י**
בן מו"ה שמעון וחתן מו"ה יואל שווארטץ

**מו"ה יוסף דרעזדנער נ"י**
בן מו"ה אהרן וחתן מו"ה יוסף מרדכי יאזעפאוויטש

**מו"ה יואל האלפערט נ"י**
בן מו"ה מרדכי וחתן מו"ה משה אברהם שעהנברון

**מו"ה ליפא האלפערט נ"י**
בן מו"ה פישל וחתן מו"ה משה שמואל סאמעט

**מו"ה ארי' היימליך נ"י**
בן מו"ה אהרן הערש וחתן מו"ה אלימלך קליינמאן

**מו"ה אהרן היללער נ"י**
בן מו"ה יואל וחתן מו"ה אברהם יודא לעבאוויטש

**מו"ה יוסף מאיר יעקב וואגשאהל נ"י**
בן מו"ה יואל יחיאל וחתן מו"ה בערל ראזענבערגער

**מו"ה חיים וויטריאל נ"י**
בן מו"ה יואל וחתן מו"ה יואל זילבערשטיין

**מו"ה ישראל חיים וויינבערגער נ"י**
בן מו"ה יקותיאל הערש וחתן מו"ה אברהם פריעדמאן

**מו"ה שלו' נחמן וויינשטאק נ"י**
בן מו"ה יחיאל דוב וחתן מו"ה משה יואל פעקעטע

**מו"ה אברהם ווייסבערג נ"י**
בן מו"ה חיים זלמן וחתן מו"ה משה אפרים ראטה

**מו"ה חיים יוסף דוד ווייצנער נ"י**
בן מרת מתתי' וחתן מרת יוסף יושע העשיל בלום

**מו"ה יואל טארים נ"י**
בן מו"ה מנחם מענדל וחתן מו"ה שלו' יוסף ווייס

**מו"ה יואל טייטלבוים נ"י**
בן מו"ה ברוך וחתן מו"ה יודא ברוך טארים

**מו"ה יואל טייטלבוים נ"י**
בן הרב חיים צבי וחתן מו"ה יואל האראוויץ

**מו"ה משה אלי' טייטלבוים נ"י**
בן מו"ה הערשל וחתן מו"ה אהרן יצחק ברוין

**הרב אברהם בער יאזעפאוויטש שליט"א**
בן הרב משה וחתן מו"ה יודא ראזענבערג

**מו"ה משה יאקאבאוויטש נ"י**
בן מו"ה יושע וואלף וחתן מו"ה שאול יחזקאל פיקסלער

**מו"ה יואל כ"ץ נ"י**
בן מו"ה אהרן יודא וחתן הרב משה אליעזר בלום (סיקסא)

**מו"ה נחמן דוד כ"ץ נ"י**
בן מו"ה יוסף משה וחתן מו"ה יואל מייזעלס

**מו"ה אלי' לאוב נ"י**
בן מו"ה אהרן יחזקאל וחתן מו"ה הערשל סאבאוויטש

**מו"ה יחיאל לאנדא נ"י**
בן מו"ה וואלף וחתן מו"ה יעקב אלימלך אייזענבערג

**מו"ה נתנאל לורינץ נ"י**
בן הרב שמואל וחתן הרב משה גרינבערגער

**מו"ה משה לעבאוויטש נ"י**
בן מו"ה עקיבא הערש וחתן מרת חיים מענדל דאסקאל

**מו"ה וואלף לייב מארקאוויטש נ"י**
בן מו"ה יואל וחתן מו"ה משה שווארטץ

**מו"ה יואל מייזעלס נ"י**
בן מו"ה ליפא וחתן מו"ה חיים יעקב גוטמאן

**מו"ה שמשון אליעזר מינץ נ"י**
בן מו"ה משה יודא וחתן מו"ה מענדל שעהנפעלד

**מו"ה מענדל בער נאה נ"י**
בן מו"ה משה יוחנן וחתן מו"ה ישראל מאיר ראזענבערג

**מו"ה מרדכי נאה נ"י**
בן מו"ה יצחק וחתן

**מו"ה יוסף ענגעלמאן נ"י**
בן מו"ה שמעי' יודא וחתן מו"ה מרדכי יואל פריעדמאן

**מו"ה נפתלי פאדריגאל נ"י**
בן מו"ה בנציון וחתן מו"ה מענדל גרינבערג

**מו"ה שמואל פישער נ"י**
בן מו"ה שלמה זלמן וחתן מו"ה עקיבא קליין

**מו"ה רפאל הערש פעלדמאן נ"י**
בן דוד שלמה וחתן מו"ה נחמן לייפער

**מו"ה יחיאל אהרן פראמאוויטש נ"י**
בן שמעון וחתן מו"ה יואל אבערלאנדער

**מו"ה יוסף נחום פריעדמאן נ"י**
בן מו"ה בנציון וחתן מו"ה שאול יחזקאל בירנבוים

**מו"ה יעקב זאב ציון נ"י**
בן מו"ה אליעזר זוסיא וחתן מו"ה מאיר ווידער

**מו"ה אשר שמואל קליין נ"י**
בן מרת שלו' יודא וחתן מו"ה משה דוד פערל

**מו"ה משה יוסף קליין נ"י**
בן מו"ה אברהם וחתן מו"ה שמואל פישער

**מו"ה אלחנן דוב קעסטענבוים נ"י**
בן הרב שמואל וחתן מו"ה מרדכי אליעזר גליק

**מו"ה אליעזר ראטה נ"י**
בן מו"ה יוסף וחתן מו"ה חיים מאיר מיללער

**מו"ה חיים ראטה נ"י**
בן מו"ה וואלף וחתן מו"ה שמעון אברהם אינדיג

**מו"ה אייזיק ליפא שווארטץ נ"י**
בן מו"ה שמעון שמואל וחתן מו"ה חיים גליק

**מו"ה חיים ארי' שווארטץ נ"י**
בן מו"ה יעקב וחתן הרב שלמה זאבעל (מו"ץ)

**מו"ה אברהם שטיינבערג נ"י**
בן מו"ה חיים הערש וחתן מו"ה מרדכי נחמן שאלאמאן

**מו"ה ברוך אברהם שטערן נ"י**
בן מו"ה אפרים וחתן מו"ה אברהם יאזעפאוויטש

**מו"ה נתן יואל שטערן נ"י**
בן מו"ה יצחק גרשון וחתן מו"ה אלי' פדווא

**מו"ה שמואל בנימין שישא נ"י**
בן מו"ה אברהם משה וחתן מו"ה משה מנחם טירנויער

**מו"ה יואל הערש שעהר נ"י**
בן מו"ה אברהם וחתן מו"ה יוסף לייב קאהן

**מו"ה שמואל שעהר נ"י**
בן מו"ה יושע יודא וחתן מו"ה מנשה פעלדמאן

**מו"ה פנחס אלי' שפיגעל נ"י**
בן מו"ה שמואל דוד וחתן מו"ה ישראל דוד ביק

**מו"ה יואל שפיערער נ"י**
בן מו"ה שמחה מנחם וחתן מו"ה דוד נחמן ענגלענדער







**BG shtima**
P. O. Box 808
Monroe NY 10949